ספר

# נעימות אליעזר

## על התורה

## ומועדים

# יתרו

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ כִּי הוֹצִיא יהו-ה אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם: רש"י הק' זאגט, אז: "מה שמועה שמע ובא" – אז וואס האט יתרו געהערט אז ער איז געקומען צו לויפן צו די מדבר כדי צו הערן תורה פון משה רבינו און זיך מגייר זיין..?! זאגט אונז דא רש"י הק', אז יתרו האט געהערט: "קריעת ים סוף ומלחמת עמלק", אבער לכאורה איז דאך שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל עס אמת טאקע אז עס איז א נארמאל'ע זאך אז יתרו איז "נשתומם" געווארן ווען ער האט געהערט די מעשה פון "מלחמת עמלק", אבער דאס אז יתרו איז "נשתומם" געווארן פון די גרויסע נייעס פון "קריעת ים סוף" – אז דער אייבערשטער האט געשפאלטן די ים סוף אויף צוועלעף טיילן.. איז דאך לכאורה נישט קיין שום חידוש, ווייל די גאנצע וועלט איז דאך "נשתומם" געווארן ווען זיי האבן געהערט אז דער אייבערשטער האט געשפאלטן דעם גרויסן ים סוף אויף צוועלעף טיילן..?! און א יעדער איינער איז דאך "נשתומם" געווארן ווען מען האט געהערט די מעשה פון "קריעת ים סוף"..?!

אזוי ווי עס ווערט דאך שוין טאקע בפירוש געברענגט אין חז"ל, אז די גאנצע וועלט האט דאך געקענט מיט האלטן דעם גרויסן נס פון קריעת ים סוף מיט די אייגענ'ע אויגן, ווייל א יעדער איינער האט דאך געקענט זעהן מיט די אייגענ'ע אויגן ווי די וואסער פון די ים סוף האט זיך אויף געהויפנ'ט הויעך און די לופט'ן אזוי ווי צוועלעף גרויסע מויער'ן.

און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין מדרש, אז אין די זעלבע צייט וואס די ים סוף האט זיך געשפאלטן, האבן זיך אויך געשפאלטן אלע וואסער'ן פון די גאנצע וועלט, און אזוי אויך ווערט דאך שוין אויך געברענגט אין מדרש, אז א יעדע מענטש וואס האט געהאלטן אינמיטן טרינקען א גלאז וואסער בשעת קריעת ים סוף, האט זיך די וואסער אין זיין גלאז אויך געשפאלטן אויף צוועלעף טיילן בשעת ווען עס איז פָּאר געקומען דעם גרויסן מעמד פון "קריעת ים סוף", און אלע וואסער'ן פון די גאנצע וועלט האבן זיך דאך אויך געשפאלטן אויף צוועלעף טיילן בשעת ווען עס איז פָּאר געקומען דעם גרויסן מעמד פון "קריעת ים סוף", און עס איז טאקע געווארן דעמאלט'ס גאר א גרויסע איבער קערעניש אין די גאנצע וועלט, ווייל א יעדער איינער האט דאך דעמאלט'ס געשמועס'ט וועגן דעם גרויסן נס פון "קריעת ים סוף" וואס דער אייבערשטער האט געמאכט פאר די יודישע קינדער, און אלע פעלקער פון די וועלט האבן דאך געקענט זעהן דעמאלט'ס דעם גרויסן: "יַד יהו-ה" מיט די אייגענ'ע אויגן.

און ממילא דאס וואס רש"י הק' זאגט אונז דא אז יתרו האט געהערט די מורא'דיגע נס פון "קריעת ים סוף" איז דאך אונז לכאורה בכלל נישט קיין שום חידוש, ווייל א יעדער איינער האט דאך געהערט פון דעם, און מען האט נישט סתם "געהערט" פון דעם (אזוי ווי יתרו האט "געהערט" פון דעם), נאר די גאנצע וועלט האט "גע'רעש'ט" פון דעם..! אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש געשריבן אין די פסוקים פון: "שִׁירַת הַיָּם" אין פרשת בשלח (קפיטל ט"ו פסוק י"ד און ט"ו), אז: "שָׁמְעוּ עַמִּים" – אז ווען די פעלקער פון די וועלט האבן געהערט אז די סיבה פארוואס די וואסער'ן ביי זיי אינדערהיים האט זיך געשפאלטן איז געווען "ווייל דער אייבערשטער נעמט יעצט נקמה אין די מצריים" אויף דאס וואס זיי האט געפייניגט די יודישע קינדער אין דעם לאנד מצרים, איז: "יִרְגָּזוּן" – האט זיי דעמאלט'ס פשוט אָן געכאפט א "שרעק" און א "ציטער" שאין כדוגמתו.

איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל זיי האבן דאך שוין געזעהן דא: "עַיִן בְּעַיִן" מיט זייערע אייגענ'ע אויגן, אז.. געב נאר א קוק, דער הייליגער באשעפער פון די גאנצע וועלט לאזט נישט טשעפענען

זיין: "שֶׂה פְזוּרָה נְדָּחָה" – דער הייליגער באשעפער פון די גאנצע וועלט לאזט נישט טשעפענען זיין פאר ווארפענ'ע שעפעל'ע וואס וואנדער'ט נעבעך ארום אין גלות.

און: "חִיל אָחַז יֹשְׁבֵי פְּלָשֶׁת" – און א שרעק האט אָן געכאפט פאר די פעלקער פון דעם שטאט פלשת ווען זיי האבן געהערט דעם גרויסן נס פון "קריעת ים סוף", און: "אָז" – און דעמאלט'ס – ווען עס איז געשעהן דעם גרויסן נס פון "קריעת ים סוף", זענען: "נִבְהֲלוּ אַלּוּפֵי אֱדוֹם" – זענען די גרויסע הערן פון דעם שטאט אדום אויך דערשראקן געווארן, און: "אֵילֵי מוֹאָב יֹאחֲזֵמוֹ רָעַד" – און עס האט דעמאלט'ס אויך אָן געכאפט א ציטער פאר די אלע שטארקע מענטשן וואס האבן געוואוינט אין דעם שטאט מואב, און: "נָמֹגוּ כֹּל יֹשְׁבֵי כְנָעַן" – און אלע מענטשן וואס האבן געוואוינט אין דעם לאנד כנען זענען דעמאלט'ס פשוט צו גאנגען פון גרויס שרעק.

און ממילא דאס אז: "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ" – דאס אז יתרו האט געהערט פון דעם גרויסן נס פון "קריעת ים סוף" איז דאך בעצם בכלל נישט קיין שום חידוש, ווייל די גאנצע וועלט איז דאך דער ציטער'ט געווארן פון דעם, קומסטו מיר דא זאגן אז: "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ" – קומסטו מיר דא זאגן אז "יתרו" האט "געהערט" די מורא'דיגע נייעס פון "קריעת ים סוף"..?! איך פארשטיי נישט, ווער האט דען "נישט" געהערט פון "קריעת ים סוף"..?! א יעדער איינער אויף דער וועלט האט דאך געהערט פון דעם, און ממילא וואס איז שוין די גרויסע חידוש פון: "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ" – וואס איז שוין די גרויסע חידוש אז יתרו האט געהערט די גרויסע נייעס פון "קריעת ים סוף"..?!

אבער פאר מיר גייען דאס ערקלערן דארפן מיר קודם מקדים זיין א געוויסע הקדמה, און דאס איז, אז מען דארפן אלע וויסן, אז אלע מפרשים מוטשענען זיך דאך שוין אויך מיט דעם באקאנט'ן קשיא אז וואס איז שוין געווען די גרויסע גדולה פון "מלחמת עמלק"..?! און פארוואס איז טאקע "יתרו" אזוי שטארק איבער גענומען געווארן בשעת ווען ער האט געהערט די מעשה "מלחמת עמלק"..?! יתרו איז דאך נאך געווען דעמאלט'ס א "גוי", [און דו ביזט גערעכט טאקע אז יתרו איז טאקע געווען איינער פון די: "חסידי אומות העולם", אבער סוף כל סוף איז ער דאך נאך געווען דעמאלט'ס א "גוי"], און ממילא פארוואס איז יתרו אזוי שטארק איבער גענומען געווארן בשעת ווען ער האט געהערט אז די יודישע קינדער האבן מלחמה געהאלטן מיט "עמלק".. עד כדי כך אז ער איז געקומען צו לויפן: "אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים" – עד כדי כך אז ער איז געקומען צו לויפן צו דעם וויסט'ן מדבר כדי צו לערנען תורה פון משה רבינו און ווערן א "יוד"..?! וואס איז פשט פון דעם..?! פארוואס איז יתרו אזוי שטארק איבער גענומען געווארן בשעת ווען ער האט געהערט אז די יודישע קינדער האבן מלחמה געהאלטן מיט "עמלק", און ווערן א "יוד" וועגן דעם..?! וואס איז פשט פון אזא זאך..?!

יעצט.. די תירוץ אויף דעם איז צו טייל'ט אין צוויי חלקים, און מיר וועלן קודם פאר ענטפער'ן דעם חלק פארוואס יתרו איז געווארן אזוי שטארק איבער גענומען בשעת ווען ער האט געהערט די מעשה פון "מלחמת עמלק", און שפעטער וועלן מיר ערשט מסביר זיין פארוואס יתרו איז געווארן אזוי שטארק איבער גענומען בשעת ווען ער האט געהערט די מעשה פון "קריעת ים סוף", (און מיר וועלן שוין שפעטער מסביר זיין, אז די סיבה פארוואס יתרו איז נתפעל געווארן בשעת ווען ער האט געהערט די מעשה פון "קריעת ים סוף" איז אויס דרוק'לעך "נישט" געווען די זעלבע סיבה פארוואס אלע מענטשן פון די וועלט זענען נתפעל געווארן פון "קריעת ים סוף").

און די סיבה פארוואס יתרו איז אזוי שטארק נתפעל געווארן פון "מלחמת עמלק" איז געווען, ווייל עס איז דאך שוין באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז ביי "מלחמת עמלק" שטייט דאך שוין בפירוש אין פסוק, אז: "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל" – אז ווען משה רבינו האט אויף געהויבן זיין האנט, האבן זיך דעמאלט'ס די "יודישע קינדער" געשטארקט איבער דעם עמלק, אבער: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ" – אבער ווען משה רבינו האט אראפ געלייגט זיין האנט, איז: "וְגָבַר עֲמָלֵק" – האט זיך דעמאלט'ס "עמלק" געשטארקט

איבער די יודישע קינדער, און ממילא ווען יתרו האט דאס געהערט, איז יתרו זייער שטארק נתפעל געווארן פון דעם, ווייל דעמאלט'ס האט ער ערשט איין געזעהן וואס דאס מיינט א "כח" פון א: "צַדִּיק".

ווייל עס שטייט דאך שוין פון צדיקים, אז דער אייבערשטער שיקט זיין ישועה פאר כלל ישראל דורך דעם: "צַדִּיק", און דער: "צַדִּיק" איז א פשוט'ע "שליח" צו ברענגען די ישועה פאר כלל ישראל, און ממילא וועגן דעם איז יתרו גאר שטארק נתפעל געווארן פון "מלחמת עמלק", ווייל יתרו האט דעמאלט'ס איין געזעהן וואס דאס מיינט א כח פון א: "צַדִּיק", און ער האט שוין דעמאלט'ס אָן געהויבן צו פארשטיין וואס דאס מיינט אז: "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה עַד בֹּא הַשָּׁמֶשׁ" – און ער האט שוין דעמאלט'ס אָן געהויבן צו פארשטיין וואס דאס מיינט אז משה רבינו האט געהאט גאר א שטארקע: "אֱמוּנָה" אין דעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער וועט זיכער ברענגען די ישועה פאר כלל ישראל.

און ממילא וועגן דעם איז יתרו געקומען צו לויפן: "אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים", ווייל ווי נאר יתרו האט געהערט וואס דאס מיינט א: "צַדִּיק", און ווי נאר יתרו האט געהערט די "כח" פון א: "צַדִּיק", האט ער דעמאלט'ס גלייך באקומען א מורא'דיגע תשוקה צו זעהן דעם גרויסן: "צַדִּיק" וואס הייסט "משה רבינו", און ער האט דעמאלט'ס גלייך באקומען א מורא'דיגע תשוקה צו קענען זיין דבוק אין דעם גרויסן: "צַדִּיק" וואס הייסט "משה רבינו", און ממילא וועגן דעם איז ער שנעל געקומען צו לויפן: "אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים", ווייל ער האט שוין געוואלט זוכה זיין זיך מדבק צו זיין אין דעם גרויסן: "צַדִּיק" וואס הייסט "משה רבינו".

און דאס איז דאך אויך די סיבה פארוואס יתרו איז אזוי שטארק איבער גענומען געווארן פון די מעשה פון "קריעת ים סוף", ווייל בשעת ווען יתרו האט געהערט, אז: "הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס" – אז ווען די ים האט געזעהן די: "ארונו של יוסף" – אז ווען די ים האט געזעהן א: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם".. איז ער דעמאלט'ס גלייך אנטלאפן, און ער איז דעמאלט'ס גלייך געווארן טריקען, איז ער דעמאלט'ס גלייך געקומען צו לויפן צו דעם גרויסן: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם" וואס הייסט "משה רבינו", ווייל ער האט דאך "געהערט" דא, אז.. געב נאר א קוק, דו האסט געהערט פארוואס די ים סוף האט זיך געשפאלטן..?! די אמת איז דאך, אז די ים סוף האט זיך קודם נישט געוואלט שפאלטן, אבער ווי נאר: "הַיָּם רָאָה" – אבער ווי נאר די ים סוף האט געזעהן די הייליגע: "ארונו של יוסף" – אבער ווי נאר די ים סוף האט געזעהן דעם הייליגן: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם" וואס הייסט "יוסף הצדיק", האט ער דעמאלט'ס גלייך געכאפט א ציטער, און ער איז דעמאלט'ס גלייך געווארן טריקען, און.. געב נאר א קוק (האט יתרו געזאגט), די ים סוף האט געכאפט א ציטער פון א: "צַדִּיק אֱמֶת"..!

און אויב די ים סוף האט געכאפט אזא גרויסן ציטער פון א: "צַדִּיק אֱמֶת", וויל איך דעמאלט'ס אויך זוכה זיין צו זיין דבוק אין א: "צַדִּיק אֱמֶת", און יתרו האט זיך טאקע דעמאלט'ס גלייך אויף געהויבן פון זיין פלאץ, און ער איז טאקע דעמאלט'ס גלייך געקומען צו לויפן: "אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים" כדי צו הערן הייליגע תורה ווערטער פון דעם גרויסן הייליגן: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם" וואס הייסט "משה רבינו", און כדי זיך מדבק צו זיין אין דעם גרויסן הייליגן: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם" וואס הייסט "משה רבינו".

און ממילא קומט דאך אויס פון דעם, אז די סיבה פארוואס יתרו איז נתפעל געווארן פון "קריעת ים סוף" מיט "מלחמת עמלק" איז געווען די זעלבע סיבה, ווייל פון די ביידע זאכן האט יתרו געזעהן דעם גרויסן כח פון א: "צַדִּיק אֱמֶת".

און די סיבה פארוואס רש"י הק' רעכנט אויס "קריעת ים סוף" פאר "מלחמת עמלק" איז, ווייל "קריעת ים סוף" איז דאך אין אמת'ן געווען א גרעסער'ע חידוש פאר יתרו ווי "מלחמת עמלק", ווייל ביי "קריעת ים סוף" האט דאך יתרו געזעהן, אז די גרויסע ים סוף איז "אנטלאפן" פאר א פָּאר: "עַצְמוֹת יוֹסֵף" – אז א גרויסע ים סוף איז אנטלאפן פאר א פָּאר "ביינער" פון א: "צַדִּיק אֱמֶת", (און פארשטייט זיך, אז דער יתרו האט דאך נאך נעבעך נישט געוואוסט אז: "גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן" – דער יתרו האט

דאך נאך נעבעך נישט געוואוסט אז א צדיק האט אסאך א גרעסער'ע כח נאך זיין הסתלקות ווי בשעת'ן לעבן), און ווען יתרו האט געהערט אז די גרויסע ים סוף האט זיך אזוי דערשראקן פון א פָּאר: "עַצְמוֹת יוֹסֵף", איז ער דעמאלט'ס גלייך געקומען צו לויפן: "אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים" – איז ער דעמאלט'ס גלייך געקומען צו לויפן צו דעם וויסט'ן מדבר אבי.. כדי צו קענען זיין דבוק אין א הייליגע: "צַדִּיק אֱמֶת", ווייל יתרו האט דאך שוין געזעהן דא, אז.. געב נאר קוק, די גאנצע "טבע הבריאה" ציטער'ט דאך פון א: "צַדִּיק אֱמֶת", און די גאנצע "טבע הבריאה" ווערט דאך פשוט נעלם ווען ער זעהט א: "צַדִּיק אֱמֶת", און ממילא וועגן דעם איז יתרו געקומען צו לויפן צו משה רבינו כדי צו ווערן א יודיש קינד.

ווייל יתרו האט דאך דא יעצט אָן געהויבן אביסעל'ע צו פארשטיין וואס דאס מיינט א: "צַדִּיק אֱמֶת", און יתרו האט דאך דא יעצט אָן געהויבן אביסעל'ע צו פארשטיין וואס דאס מיינט אז דעם גרויסן "כח" פון א: "צַדִּיק אֱמֶת" האט נישט קיין שום גבול, און יתרו האט זיך דא אָן גערופן און געזאגט, אז.. געב נאר א קוק, די גרויסע ים סוף איז "אנטלאפן" ווען ער האט נאר געזעהן א פָּאר: "עַצְמוֹת יוֹסֵף" – די גרויסע ים סוף איז "אנטלאפן" ווען ער האט נאר געזעהן א פָּאר "ביינער" פון דעם גרויסן הייליגן: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם יוֹסֵף הַצַּדִּיק".

און וועגן דעם רעכנט טאקע רש"י הק' אויס "קריעת ים סוף" פאר "מלחמת עמלק", ווייל די מעשה פון "קריעת ים סוף" איז דאך געווען א גרעסער'ע חידוש פאר יתרו ווי די מעשה פון "מלחמת עמלק", ווייל עס איז אמת טאקע אז ביי "מלחמת עמלק" האט מען טאקע אויך געזעהן דעם גרויסן "כח" פון דעם גרויסן לעבעדיג'ן: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ", אבער ביי "קריעת ים סוף" האט מען דאך געזעהן ווי די גרויסע ים סוף איז "אנטלאפן" ווען ער האט נאר געזעהן א פָּאר "ביינער" פון דעם גרויסן הייליגן: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם יוֹסֵף הַצַּדִּיק", און ממילא וועגן דעם רעכנט טאקע רש"י הק' אויס "קריעת ים סוף" פאר "מלחמת עמלק" ביי די שמיעה פון יתרו, ווייל "קריעת ים סוף" איז דאך געווען א גרעסער'ע "חידוש" פאר יתרו ווי "מלחמת עמלק".

און די אמת איז דאך, אז די "פסוק" אליין רעכנט דאך אויך אויס די מעשה פון "קריעת ים סוף" פאר די מעשה פון "מלחמת עמלק", ווייל די פסוק זאגט דאך אונז שוין דא קלאר, אז: "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה" – אז יתרו האט מער דער הערט די מעשה פון: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים "לְמֹשֶׁה", און די ווערטער: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים "לְמֹשֶׁה" גייט דאך ארויף אויף "קריעת ים סוף", ווייל די אמת איז דאך, אז דער אייבערשטער האט דאך נאר געשפאלטן די ים סוף פאר "משה רבינו", און אין דעם "זכות" פון "משה רבינו", אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע בפירוש א יעדע נאכט ביי תפילת ערבית, אז: "בּוֹקֵעַ יָם לִפְנֵי מֹשֶׁה" – אז דער אייבערשטער האט נאר געשפאלטן די ים פאר "משה רבינו", און אין דעם "זכות" פון "משה רבינו", אבער משא"כ פאר די "יודישע קינדער" אליין נישט, ווייל מיר וייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז די ים סוף האט דאך גע'טענה'עט פארן אייבערשטן פאר קריעת ים סוף, אז: "הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה".

און מיר ווייסן דאך שוין אלע אויך, אז די יודישע קינדער זענען דאך געווען מלא טענות אויף משה רבינו גלייך פאר "קריעת ים סוף" כידוע, ווייל די יודישע קינדער האבן דאך געשריגן אויף משה רבינו גלייך פאר "קריעת ים סוף", אז: "הַמִבְּלִי אֵין קְבָרִים בְּמִצְרַיִם" – אז עס איז דען נישט דא גענוג קברים אין מצרים.. אז: "לְקַחְתָּנוּ לָמוּת בַּמִּדְבָּר" – אז דו האסט אונז געמוזט ארויס נעמען צו שטארבן אין דעם וויסט'ן מדבר..?! און.. יא, די יודישע קינדער האבן דעמאלט'ס געשריגן אויף זייער רועה נאמן "משה רבינו", אז: "מַה זֹּאת עָשִׂיתָ לָּנוּ לְהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרָיִם" – אז וואס האסטו געטוהן צו אונז מיט דאס וואס דו האסט אונז ארויס גענומען פון מצרים..?!

אבער.. איין מינוט, אזוי שרייט מען אויף א געטרייע פאסטעך וואס האט אויס געטייל'ט צעהן מכות פאר ענקערע אלע שונאים – די מצריים.. און ענק ארויס גענומען פון א לאנד וואס קיין שום מענטש האט זיך

נאך נישט ארויס געזעהן פון דארטן: "מִיּוֹם הִוָּסְדָה עַד עָתָּה"..?! עס פאסט דען צו רעדן אזוי..?! און וויבאלד די יודישע קינדער האבן גערעדט אזעלכע ווערטער, און זיי זענען נישט צו געקומען צו דעם ריכטיג'ן מדריגה פון: "וַיַּאֲמִינוּ בַּיהו-ה וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ ביז "נאך" קריעת ים סוף, ממילא וועגן דעם האט טאקע דער אייבערשטער (כביכול) נישט געקענט שפאלטן דעם ים סוף אין זייער זכות, נאר: "בּוֹקֵעַ יָם לִפְנֵי מֹשֶׁה" – נאר ער האט געשפאלטן דעם ים סוף פאר "משה רבינו", און אין דעם "זכות" פון "משה רבינו".

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז וואס הייסט אז דער אייבערשטער האט נישט געשפאלטן דעם ים פאר די יודישע קינדער..?! מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז: "נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב" איז דאך אריין געשפרונגען אין דעם גרויסן ים סוף מיט אזא הייליגע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", און אלע יודישע קינדער זענען דאך איהם דעמאלט'ס גלייך נאך געגאנגען, און ממילא פארוואס זאגסטו מיר דא אז דער אייבערשטער האט נישט געשפאלטן דעם ים סוף פאר די "יודישע קינדער"..?!

אבער די תירוץ אויף דעם איז, אז.. ניין, דו ביזט נישט גערעכט, ווייל עס איז אמת טאקע אז די יודישע קינדער זענען טאקע נאך געגאנגען: "נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב" נאך דעם וואס ער איז אריין געשפרונגען אין דעם ים סוף, אבער בשעת ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו אז: "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ".. האבן זיך דעמאלט'ס די יודישע קינדער אויך פאר לאזט אויף די ווערטער פון דעם אייבערשטן און זיי זענען טאקע דעמאלט'ס אלע גלייך אריין געשפרונגען אין דעם ים סוף..?! אדער נישט..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז.. "ניין", די יודישע קינדער זענען אויס דרוק'לעך "נישט" אריין געשפרונגען אין דעם ים סוף ווען זיי האבן געהערט אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו אז: "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ", און טאקע דערפאר זענען זיי נישט געווען ראוי אז מען זאל שפאלטן דעם ים סוף פאר זיי, ווייל פאר "קריעת ים סוף" האבן נאך די יודישע קינדער געהאט א שטיקעל'ע פגם אין זייער: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", און בשעת ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די יודישע קינדער אז זיי זאלן אריין גיין אין דעם ים סוף, זענען די יודישע קינדער נאך "נישט" געווען גרייט אריין צו גיין אין דעם ים סוף, און טאקע דערפאר זענען זיי נישט געווען ראוי אז מען זאל שפאלטן דעם ים סוף פאר זיי.

און דער הייליגער בת עין זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט דאך אונז שוין טאקע אויך געזאגט אמאל א מורא'דיגע ווארט אויף דעם ענין, און דאס איז, אז דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "בְּטַח בַּיהו-ה" – אז פאר לאז זיך אויפן אייבערשטן, און: "וַעֲשֵׂה טוֹב" – און טוה וואס איז גוט, און: "שְׁכָן אֶרֶץ" – און וואוין אין דעם לאנד, און: "וּרְעֵה אֱמוּנָה" – און פאשע זיך שטענדיג ארום מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", האט דער הייליגער בית עין געזאגט אזוי, אז דוד המלך עליו השלום זאגט אונז דא אזוי, אז: "בְּטַח בַּיהו-ה" – אז פאר לאז זיך אויפן אייבערשטן, און: "וַעֲשֵׂה טוֹב" – און טוה וואס איז גוט, אבער דו ווייסט וואס דאס מיינט טוהן וואס איז גוט..?! איך וועל דיר זאגן וואס דאס מיינט, דאס מיינט, אז: "שְׁכָן אֶרֶץ" – אז ווען דו ביזט טיף אין דער ערד.. דוקא דעמאלט'ס: "וּרְעֵה אֱמוּנָה" – דוקא דעמאלט'ס זאלסטו זיך פאשענען מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", ווייל.. יא, דוקא ווען עס גייט דיר "שווער" קומט אריין דעם ענין פון זיך מחזק זיין מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", אבער משא"כ ווען עס גייט דיר גרינג, דעמאלט'ס איז דאך נישט קיין שום קונץ צו לעבן מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

און ממילא וועגן דעם איז דאך געווען א מורא'דיגע טענה אויף די יודישע קינדער פארוואס זיי האבן נישט געהאט קיין: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" בשעת ווען זיי זענען געשטאנען לעבן דעם ים סוף פארנט פון די מצריים, ווייל יא ר' יוד, דוקא יעצט ווען דו שפירס'ט זיך איין געטונקען אין דעם ים סוף, און דו זעהס'ט שוין נישט קיין שום וועג ארויס, דוקא יעצט זאלסטו זיך שטארקן מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב".

און חוץ פון דעם.. ווייסן מיר דאך שוין אלע זייער גוט, אז די יודישע קינדער האבן דאך בעצם בכלל נישט געבעטן דעם אייבערשטן בשעת ווען זיי זענען געווען אין א סכנה פון די מצריים, נאר די איינציג'סטע זאך וואס זיי האבן יא געטוהן דעמאלט'ס איז געווען, "געשריגן אויף משה רבינו" [וואס האט יא געבעטן דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת בשלח (קפיטל י"ד פסוק ט"ו), אז דער אייבערשטער האט דעמאלט'ס געזאגט פאר משה רבינו, אז: מַה "תִּצְעַק" אֵלָי וגו', ווייל.. יא, משה רבינו איז געווען די איינציג'סטע מענטש וואס האט דעמאלט'ס געבעטן דעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער זאל זיי שוין שיקן א ישועה, און רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע דארטן אויפן פלאץ, אז: למדנו שהיה "משה" עומד ומתפלל – אז מיר זעהען טאקע פון דעם פסוק אז משה רבינו האט "יא" געדאווענט, אנדערש ווי די יודישע קינדער וואס האבן "נישט" געדאווענט].

און וועגן דעם טאקע זאגט אונז רש"י הק' דארטן אויפן פלאץ, אז דער אייבערשטער האט דעמאלט'ס געזאגט פאר משה רבינו, אז: "כדאי זכות אבותיהם" – אז די זכות פון זייערע "עלטערן" איז דא מגין צו זיין אויף זיי אז די ים סוף זאל זיך שפאלטן פאר זיי, און אזוי אויך: "והם והאמונה שהאמינו בי ויצאו לקרוע להם הים" – און אזוי אויך איז דאך אויך פארהאן דא די זכות פון די: "אֱמוּנָה" וואס די יודישע קינדער האבן געהאט בשעת "יציאת מצרים", אבער פון "יענע זמן אליין".. האבן די יודישע קינדער נישט געהאט קיין שום זכות, און אויב עס איז יא געווען דעמאלט'ס א זכות (פון יענע זמן), איז דאס דעמאלט'ס נאר געווען: "זְכוּתוֹ שֶׁל מֹשֶׁה רַעֲיָא מְהֵימְנָא קַדִּישָׁא".

און וועגן דעם זאגן מיר טאקע א יעדן טאג ביי תפילת ערבית פארן הייליגן באשעפער, אז: "מַלְכוּתְךָ רָאוּ בָנֶיךָ" – אז דיין: "מַלְכוּת" האבן דיינע קינדער געזעהן, אבער דו ווייסט ווען..?! בשעת ווען: בּוֹקֵעַ יָם לִפְנֵי "מֹשֶׁה" – בשעת ווען דו האסט געשפאלטן דעם ים: "בזכותו של משה", און בשעת ווען דו האסט געשפאלטן דעם ים אין די זכות פון די תפילות פון דעם גרויסן צדיק "משה רבינו".

און דאס אז דער אייבערשטער האט אויף געהויפנ'ט די וואסער אזוי ווי גרויסע מויער'ן איז דאך אויך נאר געווען: "בזכותו של משה רבינו", און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וּבְרוּחַ אַפֶּיךָ נֶעֶרְמוּ מַיִם" וגו' וואס עס שטייט געשריבן אין פרשת בשלח (קפיטל ט"ו פסוק ח'), ווייל עס שטייט דאך שוין דארטן אין פסוק אין פרשת בשלח (קפיטל ט"ו פסוק ח'), אז: "קָפְאוּ תְהֹמֹת בְּלֶב יָם" – אז די אלע וואסער'ן וואס זענען געווענטליך טיף טיף אין דעם תהום אריין, האבן זיך יעצט פאר גליווער'ט און זיך אויף געהויבן הויעך אין די לופט'ן פונקט אזוי ווי גרויסע הויעכ'ע מויער'ן, און: "קָפְאוּ תְהֹמֹת" – און אלע וואסער'ן פון דעם תהום וואס זענען געווענטליך רינענדיג, זענען יעצט געווארן פאר גליווער'ט: "בְּלֶב יָם", און די ווערטער: "לֶב יָם" – איז דאך טאקע ראשי תיבות: "**בּ**וֹקֵעַ **יָם לִ**פְנֵי **מֹ**שֶׁה", ווייל.. יא, די אלע ניסים פון "קריעת ים סוף" זענען געווען: "בזכותו של משה רבינו עליו השלום".

אבער משא"כ פאר די "יודישע קינדער".. זענען דאך די וואסער'ן געווען אין כעס, אזוי ווי די מפרשים זאגן דאך אונז שוין טאקע בפירוש אויף דעם פסוק פון: וְהַמַּיִם לָהֶם "חֹמָה" מִימִינָם וּמִשְּׂמֹאלָם, אז די טעם פארוואס די ווארט: "חֹמָה" שטייט אָן א ווא"ו איז, ווייל אין אמת'ן זענען די וואסער'ן געווען: "בְּחֵמָה" אויף די יודישע קינדער – אין אמת'ן זענען די וואסער'ן געווען "ברוגז" אויף די יודישע קינדער אויף זייער שלעכטע: "הִתְנַהֲגוּת" ביים ים סוף, און אין אמת'ן זענען די וואסער'ן געווען "ברוגז" אויף די יודישע קינדער אויף דעם וואס זיי האבן נישט געהאט דעם ריכטיג'ן: "אֱמוּנָה" אין די ווערטער פון דעם הייליגן באשעפער וואס האט געזאגט פאר משה רבינו אז: "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ".

און וועגן דעם שטייט טאקע קודם אין דעם פסוק דא די ווערטער: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים "לְמֹשֶׁה", און ערשט נאך דעם די ווערטער פון: "וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ", ווייל די ווערטער: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים "לְמֹשֶׁה" גייט דאך ארויף אויף "קריעת ים סוף" וואס איז דאך געווען: "בזכותו של משה רבינו עליו השלום", און ערשט נאך דעם זאגט אונז די פסוק די ווערטער פון: "וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ", ווייל די ווערטער: "וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ"

גייט דאך ארויף אויף "מלחמת עמלק" וואס איז דאך בעיקר געווען געציל'ט: "כנגד כל ישראל", ווייל די גאנצע מלחמה מיט עמלק איז דאך בעצם נאר געווען כדי צו ראטעווען די "יודישע קינדער" פון דעם עמלק וואס האט זיי געוואלט אונטער ברענגען, און עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק גלייך אין די אנהייב פון די פרשה פון מלחמת עמלק, אז: "וַיָּבֹא עֲמָלֵק" – אז דער רשע עמלק איז געקומען מיט איין מטרה, און זיין מטרה איז געווען, כדי: וַיִּלָּחֶם עִם "יִשְׂרָאֵל" – כדי מלחמה צו האלטן מיט די "יודישע קינדער".

אבער מיט "משה רבינו".. האט דאך עמלק נישט געקענט מלחמה האלטן, ווייל "משה רבינו" איז דאך געווען די "מקור הקדושה" אליין, און מיט איין דריי מיט זיין האנט האט ער דאך געקענט אראפווארפן דעם עמלק ביז צו דער ערד, און די פסוק זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש סוף פרשת בשלח (קפיטל י"ז פסוק י"א), אז: "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ" – אז ווי נאר משה רבינו האט געגעבן איין דריי מיט זיין האנט, איז דעמאלט'ס גלייך געווארן: "וְגָבַר יִשְׂרָאֵל" – האבן דעמאלט'ס די יודישע קינדער גלייך געהאט א אויבער האנט אויף דעם עמלק, און ממילא מיט "משה רבינו" האט זיך דאך עמלק נישט געקענט שלאגן, נאר די גאנצע "מלחמת עמלק" איז דאך נאר געווען אנטקעגן די "יודישע קינדער".

און וויבאלד "קריעת ים סוף" איז דאך געווען א גרעסער'ע נס ווי די נס פון "מלחמת עמלק" אין די אויגן פון יתרו, ממילא וועגן דעם דערמאנט אונז טאקע די פסוק די ווערטער פון: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים "לְמֹשֶׁה" פאר די ווערטער פון: "וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ", ווייל די ווערטער פון: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים "לְמֹשֶׁה" גייט דאך ארויף אויף "קריעת ים סוף" וואס איז דאך געווען: בזכותו של "משה רבינו", אבער משא"כ די ווערטער פון: "וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ" גייט דאך ארויף אויף "מלחמת עמלק" וואס איז דאך געווען געציל'ט: "כנגד כל ישראל", (און נישט אנטקעגן דעם גרויסן לעבעדיג'ן: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ").

און דער אייבערשטער האט טאקע געוויזן פאר די יודישע קינדער ביי "מלחמת עמלק" וואס דאס מיינט א: "צַדִּיק אֱמֶת" וואס איז זוכה צו: "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה עַד בֹּא הַשָּׁמֶשׁ" – וואס איז זוכה צו לעבן מיט "אֱמוּנָה" ביז די ישועה וועט אָן קומען, און מען זעהט דאך שוין טאקע קלאר ביי קריעת ים סוף, אז עס האט בעצם בכלל נישט אויס געפעלט צו שפאלטן דעם ים פאר "משה רבינו", ווייל משה רבינו איז דאך שוין געווען גרייט א יעדע רגע אריין צו שפרונגען אין דעם ים אריין נאך פאר עס האט זיך געשפאלטן, ווייל משה רבינו האט דאך געלעבט מיט גאר א גרויסע תמימות'דיגע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", אָן קיין שום חשבונות, און משה רבינו האט דאך געהאט א זיכער'ע: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

און משה רבינו האט דאך דעמאלט'ס געוואוסט ביי זיך, אז אויב דער אייבערשטער האט ארויס גענומען כלל ישראל פון מצרים, דעמאלט'ס האט ער זיי נישט ארויס גענומען מיטן חשבון אז זיי זאלן אריין פאלן אין די הענט פון די מצריים, נאר עס איז זיכער אז ער וועט זיי אט אט אט.. ראטעווען פון די הענט פון די טמא'נע מצריים, און ממילא וועגן דעם האט טאקע משה רבינו געזאגט פאר די יודישע קינדער ביי דעם ים סוף, אז: "הִתְיַצְּבוּ" – אז שטעלט'ס ענק אוועק מיט א זיכער'ע: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", ווייל נאר אזוי: "וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת יהו-ה" – ווייל נאר אזוי וועלן ענק קענען זעהן דעם גרויסן ישועה וואס דער אייבערשטער וועט ענק מאכן היינט.

און ענק זעהען נישט אליין אז דאס איז דאך נאר א "נסיון" פון הימל..?! און ענק מיינען טאקע אז דער אייבערשטער האט ענק ארויס גענומען פון מצרים: "לָמוּת בַּמִּדְבָּר" – ענק מיינען טאקע אז דער אייבערשטער האט ענק ארויס גענומען פון מצרים כדי ענק צו הארגע'נען אין דעם וויסט'ן מדבר..?! לעבט'ס מיט אביסעל'ע תמימות'דיגע: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", און זייט'ס מתפלל צום הייליגן באשעפער ווען ענק האבן אמאל א צרה, ווייל דאס וויל דאך דער

אייבערשטער פון ענק, אביסעל'ע תמימות'דיגע: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָחוֹן" צוזאמען מיט א ריינע "תפילה" פון טיפענישׁ'ן פון הארץ.

און די ווערטער: "הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת יהו-ה" – איז דאך גימטריא: "לֵב", ווייל יא ר' יוד, אויב מען לעבט מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָחוֹן" אין הארץ, דעמאלט'ס: "וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת יהו-ה" – זעהט מען דעמאלט'ס גאר גרויסע ישועות.

און דיווארט: "הִתְיַצְּבוּ" – איז דאך גימטריא: גֶּשֶׁר י' – דאס איז דאך נאר א: "גֶּשֶׁר צַר מְאֹד" פון א יודיש קינד, ווייל.. יא, משה רבינו האט דא געזאגט פאר די יודישע קינדער, אז דיין גאנצע יעצטיגע מצב וואו דער אייבערשטער האט דיר דא אהער געשטעלט איז דאך נאר א בלויז'ע "נסיון", ווייל דער אייבערשטער וויל דאך זעהן דא אויב דיין: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" איז גענוג שטארק אז דו וועסט זיין גרייט אריין צו שפרונגען אין ים אריין פאר דיין הייליגע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", און דאס האט טאקע דער אייבערשטער געוואלט פון די יודישע קינדער ביי "קריעת ים סוף", אז זיי לאזן אויף הערן צו מאכן חשבונות א גאנצן צייט און טראכטן אז פון וועלכע זייט קען מען אנטלויפן, נאר דער אייבערשטער האט געוואלט אז זיי זאלן לעבן מיט א תמימות'דיגע: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָחוֹן" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

און דער זעלבע ענין פון לעבן מיט א תמימות'דיגע: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָחוֹן" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" זעהט מען דאך שוין טאקע אויך ביי "מלחמת עמלק", ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק" – איז דאך גימטריא: "אֱמוּנָה", און דער הייליגער תורה הק' מיינט דא צו זאגן אין אנדערע ווערטער אזוי, אז אויב א יודיש קינד לאזט ח"ו נאך אין דעם ענין פון: "אֱמוּנָה", און זיין הייליגע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" ווערט חס ושלום אפ געשוואכט, ווערט דעמאלט'ס גלייך חס ושלום: "וְגָבַר עֲמָלֵק" – ווערט דעמאלט'ס גלייך חס ושלום א התגברות פון די "סטרא אחרא" רחמנא ליצלן.

און די ראשי תיבות פון די ווערטער: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק" – איז דאך אויך גימטריא: "בָּנִים", ווייל אויב: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ" – אויב לאזט מען חס ושלום נאך אין די "חינוך הבנים", און מען ווערט חס ושלום "אויף געקלערט", דעמאלט'ס: "וְגָבַר עֲמָלֵק" – דעמאלט'ס האט חס ושלום די "סטרא אחרא" א התגברות אויף אונזער מחנה, השם ישמרנו ויצילנו.

און די ראשי תיבות פון די ווערטער: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ" – איז דאך גימטריא: "יהו-ה", ווייל אויב: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ" – אויב לאזט מען ח"ו נאך אין די אייגענ'ע "עבודת השם יתברך", און מען טונקט זיך אליין איין אין די היינטיגע הבלי עולם הזה, און מען גייט נאך די היינטיגע הבלי עולם הזה, כאפט זיך דאס דעמאלט'ס ח"ו גלייך אריבער צו: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק" – כאפט זיך דאס דעמאלט'ס ח"ו גלייך אריבער צו די: "בָּנִים" – כאפט זיך דאס דעמאלט'ס ח"ו גלייך אריבער צו די אייגענ'ע הייליגע קינדער.

ווייל די טמא'נע קליפה פון דעם "עמלק" וואס געפונט זיך: "בְּכָל דּוֹר וָדוֹר" איז דאך א זאך וואס איז: "מכלה מנפש ועד בשר", און דאס גייט און גייט און גייט, און דאס ענדיגט זיך נישט אזוי שנעל, און ממילא וועגן דעם זאגט אונז דא די פסוק זייער קלאר אָן, אז: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ" – אז אויב וועלן מיר נאך לאזן אין אונזערע אייגענ'ע "עבודת השם יתברך", דעמאלט'ס וועט דאס נישט טויגן סוף כל סוף, ווייל די קליפה פון "עמלק" וואס געפונט זיך צווישן אונז היינטיגע צייטן האט דאך נישט קיין שום גבולות, און אויב דו וועסט מאכן איין מאל: אֲשֶׁר "קָרְךָ" ביי דיין משפחה, און דו וועסט איין מאל אריין ברענגען א "קרירות" און א "עצלות" אין דיין עבודת השם יתברך, וועט דעמאלט'ס דער עמלק זיכער מאכן אריין צו ברענגען ביי דיר צוויי מאל דעם: אֲשֶׁר "קָרְךָ".

און ממילא דער יוד וואס וויל נאך בלייבן מיט ערליכע דורות, איז דאך פשוט "געצוואונגען" זיך צו פירן ווי עס דארף צו זיין, און ער דאך איז פשוט "געצוואונגען" צו שטיין על המשמר שטענדיג, און אָן גיין מיט א: "תְּמִימוּת" מיט די אלטע וועגן, ווייל אויב מען וויל אָן הייבן צו וויסן אלעס, דעמאלט'ס איז דאך גאר גאר שווער מחנך צו זיין ערליכע הייליגע דורות: "נאמנים ליהו-ה ולתורתו הקדושה".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל" וגו' וואס עס שטייט סוף פרשת בשלח, ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**וְ**כַאֲשֶׁר **יָ**נִיחַ **יָ**דוֹ **וְ**גָבַר **עֲ**מָלֵק" – איז דאך אויך גימטריא: "מֵבִין" – פארשטיין, און זיין "אויף געקלערט", ווייל יא ר' יוד, אויב ווילסטו אָן הייבן צו ווערן "אויף געקלערט", דעמאלט'ס זאלסטו וויסן, אז דאס וועט זיך בליץ שנעל אריבער כאפן צו דיינע אייגענ'ע ליכטיגע: "בָּנִים" – דאס וועט זיך בליץ שנעל אריבער כאפן צו דיינע אייגענ'ע ליכטיגע קינדער, ווייל די צוויי זאכן גייען דאך צוזאמען, און אויב ביזטו "אויף געקלערט", וועלן דעמאלט'ס דיינע קינדער זיין צוויי מאל "אויף געקלערט", ווייל מען קען נישט זיין א אויף געקלערט'ע מענטש וואס ליגט איין געטונקען: "רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ" אין די היינטיגע וועלט.. און אין די זעלבע צייט האבן ערליכע אפ געהיטענ'ע קינדער וואס ווייסן נישט פון קיין שום הבלי עולם הזה, און ניין ר' יוד, די צוויי זאכן גייען נישט צוזאמען.

אבער אויב א מענטש איז זיך אליין מחנך אויף א תמימות'דיגע אופן, און ער גדענקט א גאנצן צייט, אז.. ניין, איך דארף נישט אלעס וויסן, נאר עס איז מיר גענוג דעם אלט'ן הייליגן מסורה וואס איך האב מקבל געווען פון מיינע הייליגע אבות הק', דעמאלט'ס וועט ער בעזרת השם יתברך זוכה זיין צו זעהן: "בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת בֶּאֱמֶת עַל דֶּרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא", ווייל נאר אויב עס איז: "וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם" – ווייל נאר אויב א יודיש קינד גייט מיטן אייבערשטן: "בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", נאר דעמאלט'ס קען ער זוכה זיין צו זיין: "יֹשֵׁב אֹהָלִים הוּא וּבָנָיו כָּל הַיָּמִים":

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ וגו': עס איז דאך שוין באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז יתרו האט דאך מיט געהאלטן אלעס וואס עס איז געשעהן מיט די יודישע קינדער אין מצרים, און יתרו האט דאך אויך גאנץ גוט געוואוסט אז די יודישע קינדער האבן דאך געליטן גאר גרויסע צרות אין דעם לאנד מצרים, ווייל משה רבינו האט דאך שוין געהאט באזוכט אין דעם שטאט מדין בשעת ווען די יודישע קינדער זענען נאך געווען משועבד צו פרעה אין מצרים, און ממילא וועגן דעם האט דאך יתרו גאנץ גוט געוואוסט אז מען האט גאר שטארק געפייניגט די יודישע קינדער אין דעם לאנד מצרים, און יתרו האט דאך אויך גאנץ גוט געוואוסט אז מען האט געהארגע'ט הונדערט'ער יודישע קינדער טאג טעגליך אין דעם לאנד מצרים, ווייל משה רבינו האט דאך איהם שוין זיכער פארציילט וואס די יודישע קינדער גייען נעבעך א דורך אין דעם ביטער'ן "גלות מצרים" בשעת ווען ער איז געווען אין מדין ביי איהם, (אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע מבואר אין מדרש באריכות).

און יתרו האט דאך אויך פארשטאנען פון די אלע צרות וואס די יודישע קינדער זענען נעבעך א דורך אין דעם ביטער'ן "גלות מצרים", אז עס מוז דאך זיין אז עס איז געווען דא גאר א שטארקע: מִדַּת "הַדִּין" אויף די יודישע קינדער, אבער ווען יתרו האט געהערט פון די גרויסע ניסים פון "קריעת ים סוף" און "מלחמת עמלק", האט ער שוין דעמאלט'ס איין געזעהן, אז די גאנצע: מִדַּת "הַדִּין" וואס עס איז געווען אויף די יודישע קינדער איז געווען מלובש אין: מִדַּת "הָרַחֲמִים".

און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך גאנץ גוט, אז בשעת ווען די יודישע קינדער האבן געזעהן ווי די מצריים ליגן טויט: "עַל שְׂפַת הַיָּם", און זיי זענען דעמאלט'ס געווען ארום גענומען מיט גאר אסאך "ביזת הים", האבן זיי דעמאלט'ס גלייך אָן געהויבן צו זינגען: "שִׁירָה" פארן אייבערשטן, איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל זיי האבן שוין דעמאלט'ס איין געזעהן, אז זייער גאנצע ביטער'ע "גלות מצרים" וואס זיי זענען נעבעך אריבער געגאנגען דא אין דעם ביטער'ן פינסטער'ן לאנד מצרים איז דאך

נאר געווען כדי אז זיי זאלן שפעטער קענען באקומען אלע: "כְּלֵי כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב וּשְׂמָלֹת" פון אלע מצריים, און זיי האבן שוין דעמאלט'ס איין געזעהן, אז זייער גאנצע ביטער'ע "גלות מצרים" וואס זיי זענען נעבעך אריבער געגאנגען דא אין דעם ביטער'ן פינסטער'ן לאנד מצרים איז דאך נאר געווען כדי אז זיי זאלן שפעטער קענען "ארויס גיין" פון מצרים: "בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל" – מיט גאלד און זילבער און טייערע אוצרות.

און די גאנצע ביטער'ע "גלות מצרים" וואס זיי זענען נעבעך אריבער געגאנגען דא אין דעם ביטער'ן פינסטער'ן לאנד מצרים איז דאך נאר געווען כדי אז שפעטער זאל די גאנצע וועלט רעש'ן בשעת ווען זיי וועלן ארויס גיין פון מצרים און א דורך גיין דעם ים, און די גאנצע ביטער'ע "גלות מצרים" וואס זיי זענען נעבעך אריבער געגאנגען דא אין דעם ביטער'ן פינסטער'ן לאנד מצרים איז דאך נאר געווען כדי אז א יעדער איינער זאל קענען זעהן די "נקמה" וואס דער אייבערשטער צאלט צוריק פאר די וואס טשעפענען די יודישע קינדער.

און אזוי איז טאקע געווען, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת בשלח (קפיטל ט"ו פסוק י"ד און ט"ו), אז: "שָׁמְעוּ עַמִּים יִרְגָּזוּן" – אז אלע פעלקער פון די גאנצע וועלט זענען דער ציטער'ט געווארן ווען זיי האבן געהערט דעם גרויסן נס פון "קריעת ים סוף", און: "חִיל אָחַז יֹשְׁבֵי פְּלָשֶׁת" – און א שרעק האט אָן געכאפט פאר די פעלקער פון דעם שטאט פלשת ווען זיי האבן געהערט דעם גרויסן נס פון "קריעת ים סוף", און: "אָז" – און דעמאלט'ס – ווען עס איז געשעהן דעם גרויסן נס פון "קריעת ים סוף", זענען: "נִבְהֲלוּ אַלּוּפֵי אֱדוֹם" – זענען די גרויסע הערן פון דעם שטאט אדום אויך דערשראקן געווארן, און: "אֵילֵי מוֹאָב יֹאחֲזֵמוֹ רָעַד" – און עס האט דעמאלט'ס אָן געכאפט א ציטער פאר די אלע שטארקע מענטשן וואס האבן געוואוינט אין דעם שטאט מואב, און: "נָמֹגוּ כֹּל יֹשְׁבֵי כְנָעַן" – און אלע מענטשן וואס האבן געוואוינט אין דעם לאנד כנען זענען דעמאלט'ס פשוט צו גאנגען פון גרויס שרעק.

און דאס אלעס איז דאך נאר געווען כדי עס זאל ווערן גרויס די נאמען פון דעם אייבערשטן אין די וועלט, און אז די גוים זאלן מורא האבן צו טשעפענען די יודישע קינדער, און ממילא דאס אלעס האט יתרו געהערט, און: וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ וגו' אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה "אֱלֹקִים" לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ – און יתרו האט געהערט אלעס וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט די יודישע קינדער: בְּמִדַּת "הַדִּין", (ווייל די שם: "אֱלֹקִים" ווייזט דאך אויף: מִדַּת "הַדִּין" כידוע), אבער ווען ער האט געהערט דעם גרויסן נס פון "קריעת ים סוף".. דעמאלט'ס האט ער שוין פארשטאנען, אז אין די אלע שווערע "דינים" איז אבער געלעגן באהאלטן גאר א גרויסע: מִדַּת "הָרַחֲמִים" פון דעם הייליגן באשעפער, ווייל: כִּי הוֹצִיא "יהו-ה" אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם – ווייל דער הייליגער באשעפער האט דאך ארויס גענומען די יודישע קינדער פון דעם לאנד מצרים מיט אזוי פיל גרויסע: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים", און פון יציאת מצרים און ווייטער איז דאך שוין געווען בלויז ריינע: מִדַּת "הָרַחֲמִים" – און פון יציאת מצרים און ווייטער איז דאך שוין געווען ריינע: "חסדים מגולים" פון דעם הייליגן באשעפער, און דעמאלט'ס האבן זיך דאך שוין די יודישע קינדער ענדליך אפ געשאקל'ט פון זייערע שלעכטע מצריש'ע הערן.

אבער שפעטער האט יתרו געהערט אז עס האט פאסירט נאך עפעס, וואס האט פאסירט..?! עס האט פאסירט נאך א מורא'דיגע מאדנע זאך, ווייל נאך דעם וואס די גאנצע וועלט איז שוין אויף געציטער'ט געווארן מיט די גרויסע נס פון "קריעת ים סוף" וואס דער אייבערשטער האט געמאכט פאר די יודישע קינדער, איז אבער גלייך נאך דעם אָן געקומען איינער מיטן נאמען: "עֲמָלֵק", און דער: "עֲמָלֵק" האט נאך אלץ נישט מורא געהאט מלחמה צו האלטן מיט די יודישע קינדער, און ער האט יא "פראבירט" מלחמה צו האלטן מיט די יודישע קינדער.

און ווען יתרו האט דאס געהערט, האט ער דעמאלט'ס גלייך געטראכט צו זיך, אז.. איין מינוט, וואס טוט זיך מיט דעם נאריש'ן: "עֲמָלֵק"..?! דער: "עֲמָלֵק" איז דען אויפן קאפ געפאלן..?! דו האסט דאך שוין

אליין געזעהן אז דער אייבערשטער האט מלחמה געהאלטן פאר די יודישע קינדער, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת בשלח (קפיטל י"ד פסוק כ"ה), אז: "וַיֹּאמֶר מִצְרַיִם" – אז די מצריים האבן אויס געשריגן הויעך ביי דעם ים סוף, אז: "אָנוּסָה מִפְּנֵי יִשְׂרָאֵל" – אז לאמיר אנטלויפן פון דעם זאך וואס הייסט "יוד", ווייל: "כִּי יהו-ה נִלְחָם לָהֶם בְּמִצְרָיִם" – ווייל דער אייבערשטער האלט דאך דא מלחמה פאר דעם "ייד" פונקט אזוי ווי ער האט מלחמה געהאלטן פאר דעם "יוד" אין מצרים, און פונקט אזוי ווי אין מצרים איז די וואסער געווען בלוט פאר דער "מצרי", אבער משא"כ פאר דער "יוד" איז די וואסער געווען זייער גוט און געשמאק, אזוי אויך דא ווערט אונז יעצט נאך אמאל ביטער, אבער משא"כ פאר דער "יוד" ווערט יעצט נאך אמאל גוט און געשמאק, ווייל.. געב נאר א קוק, דער "יוד" שפאצירט זיך אזוי רואיגערהייט א דורך דעם ים סוף, און: "וְהַמַּיִם לָהֶם חוֹמָה מִימִינָם וּמִשְּׂמֹאלָם".

און דער אייבערשטער האט דאך שוין געהאלטן דא נאכן אריין ווארפן די מצריים אין די טיפעניש'ן פון דעם ים, און דער אייבערשטער האט דאך שוין געהאלטן דא נאכן מאכן אזוי פיל גרויסע ניסים פאר די יודישע קינדער, אבער מיט דעם אלעמען.. האט דער: "עֲמָלֵק" נאך אלץ נישט מורא געהאט, נאר ער איז געקומען "מלחמה" האלטן מיט די יודישע קינדער מיטן גאנצן זיכער'קייט, אבער.. איין מינוט (האט יתרו געטראכט צו זיך), ווי אזוי קען זיין אזא זאך..?! ווי אזוי קען זיין אז דער רשע: "עֲמָלֵק" האט נישט מורא געהאט מלחמה צו האלטן מיט די יודישע קינדער נאך דעם וואס ער האט שוין אליין געזעהן אז דער אייבערשטער האט זיך אָן גענומען פאר די יודישע קינדער מיטן גאנצן שטארקייט..?!

און ווי אזוי קען זיין אז דער רשע: "עֲמָלֵק" האט נישט מורא געהאט מלחמה צו האלטן מיט די יודישע קינדער נאך דעם וואס ער האט שוין אליין געזעהן אז דער אייבערשטער האט אריין געווארפן אלע שונאים פון די יודישע קינדער אין דעם ים אריין..?! און ווי אזוי קען זיין אז דער רשע: "עֲמָלֵק" האט נישט מורא געהאט מלחמה צו האלטן מיט די יודישע קינדער נאך דעם וואס ער האט שוין אליין געהערט אזא הויעכ'ע געשריי פון די מצריים אז: "יהו-ה נִלְחָם לָהֶם בְּמִצְרָיִם" – אז דער אייבערשטער האלט מלחמה פאר די יודישע קינדער פונקט אזוי ווי ער האט מלחמה געהאלטן פאר די יודישע קינדער אין מצרים..?! ווי אזוי קען זיין אזא זאך..?! און יתרו האט זיך גאר שטארק געוואונדערט אויף דעם.

אבער ווען יתרו האט געהערט אז: "וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ לְפִי חָרֶב" – אבער ווען יתרו האט געהערט אז די יודישע קינדער האבן אויך מנצח געווען דעם רשע עמלק, האט שוין דעמאלט'ס יתרו פארשטאנען, אז דער אייבערשטער איז טאקע "שטענדיג" א: "שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל", און דער אייבערשטער איז טאקע שטענדיג דער גרויסער: "שׁוֹמֵר עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל לָעַד", און דער אייבערשטער היט טאקע "שטענדיג" אפ אלע יודישע קינדער פון אלעם בייזען, און אפילו ווען עס זעהט נישט אויס אז ער האט רחמנות אויף די יודישע קינדער, און ער לאזט זיי נעבעך ליידן צרות צרורות אין דעם ביטער'ן גלות, מיינט עס אבער נאך אלץ נישט אז ער שטראפט זיי, ווייל אין זיין: מִדַּת "הַדִּין" ליגט דאך שטענדיג באהאלטן גאר א גרויסע: מִדַּת "הָרַחֲמִים", און יתרו האט דעמאלט'ס אָן געהויבן איין צו זעהן איין מאל פאר אלעמאל, אז דער אייבערשטער גייט שטענדיג מיט צוזאמען מיט די יודישע קינדער איבעראל.

און טראץ דעם וואס אזוי פיל פעלקער האבן שוין פראבירט אפ צו מעקן כלל ישראל, און טראץ דעם וואס אזוי פיל פעלקער האבן שוין געשריגן טויזנט'ער יארן מיט קולי קולות אז: "וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם יִשְׂרָאֵל עוֹד", האט אבער דער אייבערשטער שטענדיג געשריגן אנטקעגן דעם מיט א הייליגע פלאם פייער אז: "וְאַף גַּם זֹאת בִּהְיוֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם" וגו', און איך האב קיינמאל נישט אראפ גענומען מיין אויג פון מיין באליבט'ע פאלק: "יִשְׂרָאֵל", ווייל: "כִּי אֲנִי יהו-ה אֱלֹקֵיהֶם", און איך האב גאר שטארק ליב מיינע טייערע: "בֵּן יָחִיד" וואס הייסט: "יִשְׂרָאֵל".

און ממילא ווען יתרו האט געזעהן אז עס איז געשעהן ביידע זאכן, סיי "קריעת ים סוף", און סיי "מלחמת עמלק", האט ער שוין דעמאלט'ס איין געזעהן איין מאל פאר אלעמאל, אז דער אייבערשטער געבט טאקע

"שטענדיג" אכטונג אויף די יודישע קינדער, און עס איז נישט בלויז א געוויסע "תקופה" וואס דער אייבערשטער האט געמאכט ניסים פאר די יודישע קינדער, ניין ניין ניין, נאר דער אייבערשטער איז טאקע באמת שטענדיג גרייט זיך אָן צו נעמען פאר זיין ליבער פאלק: "יִשְׂרָאֵל", און ווי נאר יתרו האט געזעהן די גרויסע ליבשאפט וואס דער אייבערשטער פארמאגט צו די יודישע קינדער אפילו בשעת זיי געפונען זיך נאך: "בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם", איז ער דעמאלט'ס שנעל געקומען צו לויפן: "אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים", ווייל ער האט דעמאלט'ס געזאגט צו זיך, אז לאמיר אויך זיין פון דעם גליקלעכ'ן פאלק: "יִשְׂרָאֵל" וואס פארמאגט שטענדיג א "שמירה עליונה" אויף זיך פון דעם גרויסן: "שׁוֹמֵר עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל לָעַד":

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה וגו': עס ווערט דאך שוין געברענגט אין חז"ל, אז די מענטשן פון דעם שטאט מדין האבן אפ געזאגט יתרו פון זיין אמט בשעת ווען זיי האבן געהערט אז יתרו האט זיך מגייר געווען און געווארן א יוד, און דא ביי די פרשה פון: "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ" וגו' האט מען דאך שוין געהאלטן ממש פאר די: "גֵרוּת" פון יתרו, אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע קלאר מבואר אין די פסוקים, און וועגן דעם זאגט אונז טאקע די פסוק דא, אז: וַיִּשְׁמַע "יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן" – אז "יתרו דער הַאר פון מדין" האט געהערט, ווייל די פסוק וויל אונז דא זאגן מיט דעם, אז טראץ דעם וואס מען האט דאך שוין געהאלטן דא ממש פארן אפ זאגן יתרו פון זיין אמט, ווערט ער אבער נאך אלץ גערעכנט פאר דער: "כֹּהֵן מִדְיָן" – ווערט ער אבער נאך אלץ גערעכנט פאר דער "הַאר" פון מדין, ווייל וואס מיינט א "הַאר"..?! און וואס מיינט א "געוועלטיגער"..?!

די תירוץ אויף דעם איז, אז א "הַאר" מיינט, אזא איינער וואס איז: "מֹחַ שַׁלִּיט עַל הַלֵּב", אבער א "הַאר" מיינט נישט א פשוט'ע פראסטע גוי וואס רעדט זיך נעבעך איין אז ער איז דער בעל הבית אויף א געוויסע שטאט, נאר א "הַאר" מיינט, אזא איינער וואס איז: "מֹחַ שַׁלִּיט עַל הַלֵּב".

און אזא איינער וואס פארשטייט טאקע באמת וואס דאס מיינט אז: "יֵשׁ מַנְהִיג לְבִּירָה" און מען קען נישט טוהן וואס מען וויל אויף דער וועלט, אזא איינער בלייבט דער: "כֹּהֵן מִדְיָן" אפילו נאך דעם וואס מעןווארפט איהם שוין אראפ פון זיין שטעל'ע, ווייל א "שולט" איז נאר, אזא איינער וואס קען "שולט" זיין אויף זיין אייגענ'ע "יצר הרע" וואס פראבירט איהם שטענדיג איין צו טונקען נאך אמאל און נאך אמאל אין די נידריגע "תאות עולם הזה" און איהם דער ווייטער'ן פון די צד הקדושה, און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת מקץ (קפיטל מ"ב פסוק ו') ביי די פרשה פון יוסף הצדיק, אז: "וְיוֹסֵף הוּא" – אז א: "צַדִּיק" איז נאר, אזא איינער וואס: "הַשַּׁלִּיט עַל הָאָרֶץ" – אזא איינער וואס קען "שולט" זיין אויף זיין "ארציות" – אזא איינער וואס קען "שולט" זיין אויף זיין "תאות הגשמי" וואס פראבירט איהם אראפ צו שלעפן צו דער ערד, ווייל נאר אזא איינער קען טאקע באמת ווערן אָן גערופן א: "צַדִּיק".

און מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז יתרו האט דאך דא אויף געגעבן זיין גאנצע שטעל'ע אין דעם שטאט מדין, און פארוואס האט ער דאס געטוהן..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז ער האט דאס געטוהן ווייל ער האט זיך געוואלט מדבק זיין אין דעם: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", און טאקע וועגן דעם איז ער נישט געווארן אויס: "כֹּהֵן מִדְיָן" אפילו נאך דעם וואס ער האט זיך שוין מגייר געוועזן.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן" וגו', ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ **כֹהֵן מִדְיָן**" – איז דאך טאקע גימטריא: "כֹּהֵן" [מיטן כולל], ווייל דוקא אזא איינער וואס איז: "מֹחַ שַׁלִּיט עַל הַלֵּב".. ער הייסט טאקע א ריכטיג'ער: "כֹּהֵן" – ער הייסט טאקע א ריכטיג'ער "הַאר", ווייל אזא איינער וואס האט גענוצט זיין: "מֹחַ" און אוועק געווארפן מדעת עצמו אלע זיינע עבודה זרות, אזא איינער קען טאקע באמת ווערן באַ'טיטול'ט אלץ: "כֹּהֵן מִדְיָן", ווייל ווער דען איז דער: "כֹּהֵן מִדְיָן"..?! דער פראפעסאר וואס קען זיך אליין נישט העלפן..?! א אמת'ע: "כֹּהֵן"

איז נאר אזא איינער וואס איז: "מֹחַ שַׁלִּיט עַל הַלֵּב" – א אמת'ע "הַאר" איז נאר אזא איינער וואס איז: "מֹחַ שַׁלִּיט עַל הַלֵּב".

און ווי אזוי זאגט אונז די פסוק אין פרשת לך לך (קפיטל י"ד פסוק י"ח)..?! אז: "וְהוּא כֹהֵן" – אז דו ווייסט ווער עס איז א: "כֹּהֵן" – דו ווייסט ווער עס איז א אמת'ע "הַאר"..?! א אמת'ע "הַאר" איז נאר אזא איינער וואס זיינע אויגן זענען שטענדיג געבויגן: "לְאֵ-ל עֶלְיוֹן", און דאס הייסט א אמת'ע "הַאר", ווייל א אמת'ע "הַאר" קען מען נאר זיין אויב מען איז דבוק צום גרויסן "הַאר" פון די וועלט, און א אמת'ע "הַאר" איז נאר אזא איינער וואס איז: "מֹחַ שַׁלִּיט עַל הַלֵּב" טראץ דעם וואס זיין הארץ שלעפט איהם אמאל אוועק פון דעם "רצון השם יתברך".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן" וגו', ווייל די ווערטער: "**חֹתֵן מֹשֶׁה**" – איז דאך ראשי תיבות: "מֹחַ", ווייל.. יא, יתרו איז געבליבן דער: "כֹּהֵן מִדְיָן" אפילו נאך דעם וואס מען האט איהם שוין אראפ געווארפן פון זיין קעניגליכ'ע שטעל'ע, און דו ווייסט פארוואס..?! ווייל: "**חֹתֵן מֹשֶׁה**" – ווייל ער איז געווען: "מֹחַ שַׁלִּיט עַל הַלֵּב", און ער האט טאקע באמת געהאלטן דערביי, און ער האט טאקע באמת געוואלט נתקרב ווערן צום הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

איי וועט איינער אבער פרעגן, אז פון וואו ווייסטו אז יתרו האט טאקע באמת געהאלטן דערביי..?! און פון וואו ווייסטו אז יתרו האט טאקע באמת געוואלט נתקרב ווערן צום הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" מיט א אמת'דיג קייט כדי צו דינען דעם הייליגן באשעפער מיט א אמת..?! און פון וואו ווייסטו אז יתרו איז טאקע באמת געווען גרייט מקבל צו זיין אלע: "תַּרְיַ"ג מִצְוַת הַתּוֹרָה" מיט א ערנס'ט קייט..?!

און די תירוץ אויף דעם איז דאך בעצם זייער פשוט, ווייל דו ווייסט פון וואו איך ווייס אז יתרו איז טאקע באמת געווען גרייט מקבל צו זיין אלע: "תַּרְיַ"ג מִצְוַת הַתּוֹרָה" מיט א ערנס'ט קייט..?! איך ווייס דאס פון דאס וואס יתרו האט אפ געלאזט זיין גאנצע מעכטיג'ע קעניגליכ'ע שטעל'ע אין דעם שטאט מדין אבי.. אז ער זאל קענען לערנען דער הייליגער תורה הק' פון דעם גרויסן: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ", ווייל פון דעם זעהסטו דאך שוין קלאר אז יתרו האט דאס טאקע באמת געמיינט ערנס'ט, ווייל אויב יתרו איז געווען גרייט אויף צו געבן זיין גאנצע: "כָּבוֹד" וואס ער האט געהאט און מדין אבי אז ער זאל קענען זיין דבוק אין דעם גרויסן: "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", דעמאלט'ס איז דאך דאס א סימן אז ער האט דאס טאקע באמת געמיינט ערנס'ט.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם ווארט: "יִתְרוֹ", ווייל די ווארט: "יִתְרוֹ" [מיט די כולל] – איז דאך גימטריא: תַּרְיַ"ג [מיט די פיר אותיות], כדי אונז מרמז צו זיין, אז בשעת ווען: "יִתְרוֹ" האט זיך מגייר געווען האט ער טאקע באמת מקבל געווען אויף זיך אלע: תַּרְיַ"ג מצוות פון דער הייליגער תורה הק', און: "יִתְרוֹ" איז טאקע באמת געווען א אמת'ע: "גֵּר צֶדֶק", און יתרו איז נישט געווען סתם עפעס א שיגץ פון מדין וואס האט איין שיינעם טאג געכאפט א משוגעת אז ער וויל ווערן א יוד, ניין ניין ניין, נאר: "יִתְרוֹ" איז טאקע באמת געווען א אמת'ע: "גֵּר צֶדֶק" וואס האט טאקע באמת מקבל געווען אויף זיך מיט א ערנס'ט קייט אלע: "תַּרְיַ"ג מִצְוַת הַתּוֹרָה":

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן וגו': רש"י הק' זאגט אונז דא, אז: "מה שמועה שמע ובא קריעת ים סוף ומלחמת עמלק", אבער דער קשיא פון רש"י הק' גייט דאך אין אמת'ן אסאך אסאך טיפער ווי מען מיינט, ווייל לכאורה איז דאך זייער שווער פארשטיין דעם גאנצן ענין דא, ווייל פארוואס איז יתרו געקומען צו לויפן צו משה רבינו אין דעם וויסט'ן מדבר..?! ער איז דאך געזעצן: "בכבודו של עולם" – ער איז דאך געזעצן צווישן אלע גרויסע "שרים" אין מדין, און ממילא: "מה שמועה שמע ובא" – און ממילא וואס האט גורם געווען אז יתרו זאל וועלן ארויס קומען צו משה רבינו צו וואס האט זיך געפונען אין דעם וויסט'ן מדבר..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל ער האט געהערט "קריעת ים סוף" און "מלחמת עמלק", און יתרו האט דאך פארשטאנען פון דעם, אז.. בסדר, יא, איך פארשטיי, דער אייבערשטער דארף דאך נאר איין זאך פון א מענטש, און די איין זאך איז, די ענין פון: "מלחמה" – אז א מענטש זאל "מלחמה" האלטן, האט דעמאלט'ס יתרו געטראכט צו זיך, אז "מלחמה" האלטן..?! "מלחמה" האלטן קען איך דאך אויך, און ממילא פארוואס זאל איך נישט גיין זיך מדבק זיין אין דעם הייליגן פאלק: "יִשְׂרָאֵל"..?! עס קומט דאך מיט צוזאמען מיט דעם א גאנצע "קריעת ים סוף", מיט געוואלדיגע גרויסע "ניסים"..?! און ממילא פארוואס זאל איך נישט גיין זיך מדבק זיין אין דעם הייליגן פאלק: "יִשְׂרָאֵל"..?! עס איז דאך ממש מורא'דיג צו זיין א יודיש קינד..?! און וועגן דעם איז טאקע יתרו געקומען צו לויפן: "אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים", ווייל ער האט געמיינט אז עס איז טאקע גאר א גרינגע זאך צו דינען דעם הייליגן באשעפער.

אבער ווי נאר ער איז אָן געקומען צו דעם מדבר, און ער האט אָן געהויבן צו הערן פון משה רבינו דעם: "דְּבַר יהו-ה", דעמאלט'ס האט ער שוין פלוצלונג אָן געהויבן איין צו זעהן אז עס איז גארנישט אזוי פשוט ווי ער האט געמיינט, ווייל עס איז דאך גארנישט אזוי פשוט "מלחמה" צו האלטן מיט דעם "יצר הרע", נאר דאס איז א שווערע שווערע ארבעט, און טאקע וועגן דעם קומט דאס מיט צוזאמען מיט "קריעת ים סוף" – און טאקע וועגן דעם קומט דאס צוזאמען מיט גרויסע "ניסים", ווייל ווען א יודיש קינד הארעווע'ט אויף זיך, באצאלט איהם דעמאלט'ס דער אייבערשטער צוריק מיט גאר גרויסע "ניסים" צו די זייט, אבער אויב א יודיש קינד האלט נישט "מלחמה" מיט זיין: "עֲמָלֵק" – אבער אויב א יודיש קינד האלט נישט "מלחמה" מיט זיין "יצר הרע", דעמאלט'ס איז דאך נישט דא קיין "קריעת ים סוף" – דעמאלט'ס איז דאך נישט דא קיין גרויסע "ניסים" ביי איהם.

אדער קען מען זאגן נאך א פשט פארוואס יתרו איז געקומען צו לויפן: "אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים", און דאס איז, ווייל יתרו האט דא איין געזעהן, אז די יודישע קינדער האבן צווייי שטארקע שפיזן וואס מיט דעם זענען זיי מנצח זייערע פיינט, 1) איין שפיז רופט זיך "קריעת ים סוף", 2) און די צווייטע שפיז רופט זיך "מלחמת עמלק", ווייל עס איז דא אמאל וואס די יודישע קינדער באנוצן זיך מיט דעם שפיז וואס הייסט "תפילה", אזוי ווי די יודישע קינדער האבן דאך שוין טאקע געטוהן ביי "קריעת ים סוף", ווייל ביי "קריעת ים סוף" איז דאך געווען: "וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל יהו-ה" (נאך דעם וואס משה רבינו האט זיי מוסר געזאגט פארוואס זיי האבן נישט געבעטן אין אנהייב), אבער מצד שני איז דאך אבער אויך דא אמאל וואס די יודישע קינדער באנוצן זיך מיט דעם שפיז וואס הייסט "מלחמה", אזוי ווי די יודישע קינדער האבן דאך שוין טאקע געטוהן ביי "מלחמת עמלק".

און דאס.. האט יתרו נישט געקענט פארשטיין, ווייל אויב דער אייבערשטער איז דאך טאקע אזוי גרויס, דעמאלט'ס פארוואס מאכט נישט דער אייבערשטער אז דער רשע: "עֲמָלֵק" זאל גלייך אוועק פאלן א טויט'ער..?! דער אייבערשטער ווייסט דאך שוין סיי ווי סיי פון פאר די מלחמה אז די יודישע קינדער גייען דאך איהם סיי ווי סיי געווינען..?! און יתרו האט זיך גאר שטארק געוואונדערט אויף דעם, און ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס דער אייבערשטער מאכט נישט אז דער רשע: "עֲמָלֵק" זאל גלייך אוועק פאלן א טויט'ער, דער אייבערשטער ווייסט דאך שוין סיי ווי סיי אז די יודישע קינדער גייען דאך איהם סיי ווי סיי געווינען סוף כל סוף..?! און ממילא וועגן דעם איז יתרו געקומען צו לויפן צו די מדבר, ווייל אין אמת'ן האט ער יא געוואלט ווערן א "יוד", אבער ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס א יודיש קינד דארף פארמאגן אין זין דעם חלק פון "מלחמה", און ממילא וועגן דעם איז יתרו געקומען צו לויפן: "אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים".

אבער ווען ער איז אָן געקומען צו די מדבר, דעמאלט'ס האט ער שוין געזעהן אז עס איז גארנישט אזוי פשוט ווי ער האט געמיינט, ווייל ווען ער איז אָן געקומען צו די מדבר צו משה רבינו, דעמאלט'ס האט ער אויס געפונען, אז די גאנצע זאך וואס דער אייבערשטער וויל פון א יודיש קינד איז אויס דרוק'לעך נאר

זיין "מלחמה" – די גאנצע זאך וואס דער אייבערשטער וויל פון א יודיש קינד איז אויס דרוק'לעך נאר זיין "מלחמת היצר", ווייל דער אייבערשטער וויל דאך נאר פון א מענטש אז ער זאל זיך "שלאגן" מיט די קליפה פון דעם: "עֲמָלֵק", און דער אייבערשטער וויל דאך נאר פון א מענטש אז ער זאל "מלחמה" האלטן מיט זיין "יצר הרע".

און מיר וועלן דאס געבן צו פארשטיין מיט א שיינע משל, ווייל א יעדער איינער פארשטייט דאך שוין פון זיך אליין, אז ווען א טאטע כאפט אָן די האנט פון זיין קינד (וואס הייבט אָן צו גיין אויף די אייגענ'ע פוס) כדי איהם אויס צו לערנען צו גיין אליין, דעמאלט'ס לאזט ער דאך איהם אפ א יעדע פָּאר טריט, אבער פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל דער טאטע וויל אז דאס קינד זאל זיך אויס לערנען צו גיין אליין, און אפילו אויב דאס קינד פאלט אמאל אראפ, האט אבער דער טאטע נאך אלץ גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ" פון דעם, ווייל דער טאטע זעהט דאך דא אז דאס קינד "פראבירט" כאטשיג צו גיין אליין, און דאס וואס דאס קינד "פראבירט" באקומט א באזונדער'ע: "חֵן" אין די אויגן פון דעם טאטן.

און די זעלבע זאך איז דאך אויך מיט א יודיש קינד, ווייל ווען א יודיש קינד איז "לוחם" אנטקעגן זיין יצר הרע, און ער האלט "מלחמה" מיט זיין יצר הרע, און ער "פראבירט" שטענדיג צו זיין גוט, פאר שאפט ער דעמאלט'ס מיט דעם גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ" פאר אונזער גרויסן הייליגן טאטן אין הימל.

און עס איז אמת טאקע אז דער אייבערשטער לייגט טאקע צו א האנט (כביכול) און ער העלפט טאקע ארויס דעם יוד צו קעמפן אנטקעגן דעם יצר הרע (אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז: "אלמלא הקדוש ברוך הוא עוזרו אינו יכול לו"), אבער דער אייבערשטער וויל דאך נישט אז ער זאל טוהן די גאנצע ארבעט און דו זאלסט גארנישט טוהן, נאר פארקערט, דער אייבערשטער וויל די עיקר "דיין" עבודה, און "דיין" התגברות, און דאס וואס דו האלטס'ט "מלחמה" מיט דיין יצר הרע און דו פראבירס'ט איהם ביי צו קומען.. דאס אליין האט דאך א באזונדער'ע: "חֵן" אין די אויגן פון דעם אייבערשטן (כביכול).

און ווען א טאטע לערנט אויס זיין קינד צו גיין אויף די אייגענ'ע פוס, און ער גייט דעמאלט'ס מיט צוזאמען מיטן קינד טריט נאך טריט, כדי אז דער קינד זאל זיך קענען אויס לערנען ווי אזוי מען דארף צו גיין אויף די אייגענ'ע פוס, וויל דען דער טאטע גיין דעמאלט'ס..?! ניין, דער טאטע וויל נישט גיין דעמאלט'ס, נאר די סיבה פארוואס די טאטע גייט דעמאלט'ס מיט צוזאמען מיטן קינד איז, ווייל דער טאטע וויל דעמאלט'ס אויס לערנען פאר זיין קינד ווי אזוי צו "גיין".

און די זעלבע זאך איז דאך אויך מיט א יודיש קינד, ווייל דער אייבערשטער וויל דאך נאר זעהן די "מלחמה" פון א יודיש קינד, און דער אייבערשטער וויל דאך נאר אויס לערנען פאר א יודיש קינד ווי אזוי מען דארף זיך "שלאגן" מיט דעם יצר הרע, און דאס איז דאך זיין גאנצע "מטרה" דא, אבער ווען דער אייבערשטער האט געזעהן אז עס איז געווארן: "וִידֵי מֹשֶׁה כְּבֵדִים" – אבער ווען דער אייבערשטער האט געזעהן אז די "מלחמה" איז שוין געווארן גאר גאר שווער, האט ער דעמאלט'ס גלייך געגעבן א קלאפ פאר דעם: "עֲמָלֵק", און די יודישע קינדער האבן איהם דעמאלט'ס גלייך באזיגט, ווייל די תכלית איז נישט געווען די "ניצחון", נאר די תכלית איז געווען די "מלחמת עמלק" – די תכלית איז געווען די "מלחמה" מיט דעם "יצר הרע".

און ווען יתרו האט דאס געזעהן, דעמאלט'ס האט ער דאך שוין פארשטאנען פון דעם, אז דא ביי די יודישע קינדער איז נישט עפעס א פשוט'ע מיליטער, נאר דאס איז א פלאץ וואס מען לערנט זיך אויס "מלחמה" צו האלטן, און דאס איז א פלאץ וואס מען לערנט זיך אויס ווי אזוי צו שיסן, און דאס איז א פלאץ וואס מען לערנט זיך אויס ווי אזוי נישט צו ווערן דערשראקן פון א דורך פאל, און דאס איז א פלאץ וואס מען לערנט זיך אויס ווי אזוי צו קענען אָן גיין שטענדיג מיט דעם הייליגן: "מִלְחָמָה לַיהו-ה בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר":

וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ אֲשֶׁר שֵׁם הָאֶחָד גֵּרְשֹׁם כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה: עס ווערט געברענגט אין חז"ל, אז ווען א יודיש קינד האט ח"ו אמאל א צרה, דעמאלט'ס דארף ער געדענקען, אז אין זיין צער וואס ער פארמאגט איז אויך נכלל אין דעם א חלק פון דעם גרויסן צער אז מיר געפונען זיך דאך נאך אין דעם ביטער'ן: "גָּלוּת אֱדוֹם", און מיר זענען דאך נאך לײדער נאך נישט אויס געלייזט פון דעם ביטער'ן: "גָּלוּת אֱדוֹם", און חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז אין א יעדע סארט צער וואס עס איז נאר דא אין די וועלט געפונט זיך אויך אין דעם א "חלק" פון דעם צער אז "משיח איז נאך נישט דא".

און ממילא וועגן דעם זאגן אונז חז"ל, אז ווען א יודיש קינד בעט אמאל א תפילה אויף זיין אייגענ'ע צרה, זאל ער דעמאלט'ס משתף זיין די "צער השכינה" אין זיין אייגענ'ע צער וואס ער לײדט נעבעך דעמאלט'ס, און ער זאל דעמאלט'ס געבן א אמת'ע קרעכטץ פארן אייבערשטן אז: "וְלִירוּשָׁלַיִם עִירְךָ בְּרַחֲמִים תָּשׁוּב" – און ער זאל דעמאלט'ס געבן א אמת'ע קרעכטץ פארן אייבערשטן אז דער אייבערשטער זאל אונז שוין שיקן: "מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ", און ער זאל דעמאלט'ס געבן א אמת'ע קרעכטץ פארן אייבערשטן אז דער אייבערשטער זאל אונז שוין אויף בויען דעם הייליגן: "בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי".

און דורך דעם וואס ער וועט משתף זיין די "צער השכינה" אין זיין אייגענ'ע צער, וועט ער בעזרת השם יתברך קענען זוכה זיין צו א שנעל'ע: "יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם", ווייל וויבאלד ער האט משתף געווען די "צער השכינה" מיט זיין אייגענ'ע צער, וועט מען דעמאלט'ס שטערקער אויס הערן זיין תפילה אויבן אין הימל, ווייל די הימליש'ע שפראך איז, צו רעדן פון: "מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ" און פון דעם הייליגן: "בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי שֶׁיִּבָּנֶה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ", און אויב ער טוט דאס, וועט דעמאלט'ס שטערקער אויס הערן זיין תפילה אויבן אין הימל.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ" וגו', ווייל די ווערטער: "**גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה**" – איז דאך סופי תיבות: צָרָה י' – די צרה פון א יודיש קינד, ווייל יא ר' יוד, ווען א יודיש קינד האט ח"ו אמאל א: "צָרָה", דארף ער דעמאלט'ס גוט וויסן און געדענקען, אז דאס קומט דאך אין אמת'ן נאר פון דעם ווייל: "גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה" – דאס קומט דאך אין אמת'ן נאר פון דעם ווייל מיר זענען דאך אלע געווען פרעמד'ע אין א פרעמד'ע לאנד, און מיר זענען דאך נאך אלץ אלע פרעמד'ע אין א פרעמד'ע לאנד, ווייל מיר ווארטן דאך נאך אלץ אלע אויף די גרויסע: "יְשׁוּעַת יהו-ה", און מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז אלע: "צרות ישראל" קומען דאך נאר פון דעם "ווייל משיח צדקינו איז נאך נישט דא", און די "שורש" פון אלע: "צרות ישראל" איז דאך אין אמת'ן נאר איין שורש, און די איין שורש הייסט: "צַעֲרוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ".

און די ספרים הק' זאגן דאך אונז שוין קלאר, אז איינמאל א מענטש איז משתף זיין צער מיט די "צער השכינה", וועט ער דעמאלט'ס זוכה זיין געהאלפן צו ווערן מיט א: "יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם" בקרוב ממש, און ער וועט דעמאלט'ס בעזרת השם יתברך זוכה זיין ארויס צו גיין פון זיין: "צָרָה" בקרוב ממש, און פון זיין: "צָרָה" וועט ווערן: "רְצֵה", [אדער "צֹהַר" – א שיין פון א ישועה], און דאס איז אלעס ווייל ער האט משתף געווען זיין צער מיט: "צַעֲרוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ":

וְשֵׁם הָאֶחָד אֱלִיעֶזֶר כִּי אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה: לכאורה איז דאך שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל פארוואס שטייט נישט דא אין דעם פסוק דעם לשון אז: וְשֵׁם "הַשֵּׁנִי" אֱלִיעֶזֶר – אז די נאמען פון די צווייטע זוהן פון משה רבינו איז געווען: "אֱלִיעֶזֶר", פארוואס האט משה רבינו געזאגט ביי זיין צווייטע זוהן דעם לשון: "וְשֵׁם הָאֶחָד" – אז די נאמען פון "איינער" איז געווען: "אֱלִיעֶזֶר"..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל משה רבינו האט דאך דא געגעבן א נאמען פאר זיין "צווייטע" זוהן, און ער האט נישט סתם אזוי געגעבן דא א פשוט'ע נאמען פאר נאך א קינד, נאר ער האט דא געגעבן דעם נאמען: "אֱלִיעֶזֶר" פאר זיין צווייטע זוהן, און די ווארט: "אֱלִיעֶזֶר" איז דאך בעצם צוזאם געשטעלט פון צוויי ווערטער, און די צוויי ווערטער זענען: "אֵלִי עֵזֶר" – מיין באשעפער איז מיין העלפער.

און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין די ספרים הק', אז טאקע וועגן דעם האט משה רבינו דוקא געגעבן דעם נאמען: "אֱלִיעֶזֶר" פאר זיין "צווייטע" זוהן, און נישט פאר זיין "ערשטע" זוהן, ווייל בשעת ווען זיין ערשטע זוהן: "גֵּרְשֹׁם" איז געבוירן געווארן, האט דאך נאך דעמאלט'ס פרעה געלעבט, און יענער "פרעה" איז דאך געווען דער זעלבע "פרעה" וואס האט געוואלט אמאל הארגע'נען משה רבינו, און ממילא וועגן דעם האט דעמאלט'ס משה רבינו נאך נישט געקענט געבן דעם נאמען: "אֱלִיעֶזֶר" פאר זיין "ערשטע" זוהן, ווייל ער האט דאך נאך געהאפט דעמאלט'ס אז דער ערשטע "פרעה" וועט שטארבן בקרוב ממש און ער וועט אינגאנצן ניצל ווערן פון זיינע טמא'נע הענט.

און איינמאל דער ערשטע "פרעה" איז שוין געשטארבן, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת שמות (קפיטל ב' פסוק כ"ג), אז: וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם "וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם" וגו', דעמאלט'ס האט דאך שוין משה רבינו געקענט געבן דעם נאמען: "אֱלִיעֶזֶר" פאר זיין [צווייטע] זוהן, ווייל נאר דעמאלט'ס האט משה רבינו געקענט אויס שרייען מיט א זיכער'קייט אז: "וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה" – ווייל נאר דעמאלט'ס האט משה רבינו געקענט אויס שרייען מיט א זיכער'קייט אז דער אייבערשטער האט מיר טאקע באמת געראטעוועט פון די שווערד פון דעם ערשט'ן רשע פרעה הרשע, ווייל די ערשטע "פרעה" איז דאך שוין געשטארבן יעצט, און ער וועט דאך מיר שוין מער נישט קענען הארגע'נען מיט זיין שווערד.

און משה רבינו האט זיך טאקע דעמאלט'ס אויך אָן גערופן בשעת ווען זיין צווייטע זוהן איז געבוירן געווארן, אז: וְשֵׁם "הָאֶחָד" אֱלִיעֶזֶר – אז די נאמען פון "איינער" איז: "אֱלִיעֶזֶר", איי וואס איז פשט פון דעם לשון: וְשֵׁם "הָאֶחָד" אֱלִיעֶזֶר..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז די ווארט: "אֵיינֶער" גייט דאך ארויף אויף דעם הייליגן באשעפער וואס איז דאך דער איין איינציגסט'ער גאט, און מיר זינגען דאך שוין טאקע אלע אינאיינעם פסח אויף דער נאכט דעם: "אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", און די קליינע קינדער זינגען דאך שוין טאקע אלע אינאיינעם פסח אויף דער נאכט מיט א מורא'דיגע זיס'קייט דעם: "אֵיינֶער איז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", ווייל די ווארט: "אֵיינֶער" גייט דאך ארויף אויף דעם איין איינציג'ן גאט, (און די ווארט: "אֵיינֶער" – איז דאך טאקע ראשי תיבות: "**רַ**חֵם **נָ**א יהו-ה **אֱ**לֹקֵינוּ **עַ**ל **יִ**שְׂרָאֵל", ווייל ווען א יודיש קינד איז זוכה און ער איז זיך מרחם אויף א צווייטע יוד, און ער איז מקיים די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: "הַכְנָסַת אוֹרְחִים", איז ער דעמאלט'ס זוכה צו זיין דבוק אין דעם: "אֵיינֶער אִיז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" – אין דעם איין איינציג'ן באשעפער), אבער על כל פנים.. דאס איז געווען די כוונה פון משה רבינו בשעת ווען ער האט געגעבן דעם נאמען: "אֱלִיעֶזֶר" פאר זיין צווייטע זוהן, אז: וְשֵׁם "הָאֶחָד" אֱלִיעֶזֶר – אז די נאמען פון מיין "באשעפער" איז: "אֱלִיעֶזֶר", ווייל דער הייליגער באשעפער העלפט דאך מיר שטענדיג מיט אלעס וואס איך דארף נאר.

און די סיבה פארוואס משה רבינו האט דוקא געגעבן דעם נאמען: "אֱלִיעֶזֶר" פאר זיין זוהן איז געווען, ווייל: "כִּי אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי", און די סופי תיבות פון די ווערטער: "כִּ**י** אֱלֹקֵ**י** אָבִ**י** בְּעֶזְרִ**י**" – איז דאך סופי תיבות: "יְיָ יְיָ" – צוויי מאל דעם אייבערשטנ'ס נאמען, ווייל משה רבינו האט געוואלט ווייזן מיט דעם, אז דער אייבערשטער איז "שטענדיג" מיין העלפער, נישט קיין חילוק מיט וועלכע שם ער גייט מיט מיר, זאל עס זיין: מִדַּת "הַדִּין", אדער: מִדַּת "הָרַחֲמִים", שטענדיג ווייס איך אז עס איז אלעס: "כָּל כֻּלּוֹ חֲסָדִים גְּדוֹלִים מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ".

און איך קען דאך שטענדיג זאגן די ווערטער: "כִּי אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי" – און איך קען דאך שטענדיג זאגן די ווערטער אז דער אייבערשטער איז מיין העלפער, ווייל איך ווייס דאך שוין זייער גוט, אז דער אייבערשטער איז דאך "שטענדיג" מיין העלפער, אפילו ווען עס זעהט אויס: מִדַּת "הַדִּין", ווייל אין אמת'ן איז עס דאך שטענדיג בלויז: מִדַּת "הָרַחֲמִים", און ממילא סיי אויב עס איז אזא שם, און סיי אויב עס איז אזא שם, קען איך אלעמאל שטענדיג זאגן אז: "וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה" – קען איך אלעמאל שטענדיג זאגן אז דער אייבערשטער טוט מיר שטענדיג ראטעווען פון אלע מיינע צרות.

און משה רבינו האט "געלעבט" מיט דעם, ווייל משה רבינו האט געלעבט מיט דעם געדאנק אז א יעדע זאך אין מיין גאנצע לעבן איז: "בעזרת השם יתברך", און א יעדע זאך אין מיין גאנצע לעבן איז "מיטן אייבערשטנ'ס הילף", און עס איז געווען: "שם שמים שגורה בפיו כל ימיו", און די ספרים הק' זאגן דאך אונז שוין טאקע בפירוש, אז אויב דער אייבערשטער זעהט אז א מענטש זאגט שטענדיג: "בְּסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא" – "מיטן אייבערשטנ'ס הילף", העלפט איהם דעמאלט'ס "טאקע" דער אייבערשטער, און ער באקומט דעמאלט'ס "טאקע" א ריכטיגע: "סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא".

וַיָּבֹא יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ אֶל מֹשֶׁה אֶל הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים: עס איז כדי אָן צו מערקן דא, אז דא שטייט שוין נישט דעם לשון פון: וַיָּבֹא יִתְרוֹ "כֹּהֵן מִדְיָן" חֹתֵן מֹשֶׁה, נאר עס שטייט דא נאר דעם לשון אז: וַיָּבֹא יִתְרוֹ "חֹתֵן מֹשֶׁה" וגו', און פארטיג, און די סיבה פארוואס עס שטייט נישט דא אין דעם פסוק אז: "יִתְרוֹ" איז געווען דער: "כֹּהֵן מִדְיָן" איז, ווייל יעצט איז דאך שוין יתרו ארויס געגאנגען צו די "מדבר" – יעצט איז דאך שוין יתרו ארויס געגאנגען צו א מקום: "תֹּהוּ וָבֹהוּ" כדי צו לערנען תורה פון משה רבינו, און ממילא וועגן דעם רופט איהם שוין די פסוק דא אָן: "יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה", ווייל דא ווערט דאך ארויס געברענגט די גרויס'קייט פון "יתרו" וואס יתרו פלעגט זיך בארימען און ער פלעגט אָן הענגען זיין גרויס'קייט אין זיין גרויסן איידעם משה רבינו, און ער פלעגט זאגן, אז: "אני חותן המלך" – אז איך בין דער שווער פון "משה רבינו" – דער "מלך ישראל".

און ממילא וועגן דעם שטייט דא נאר דעם לשון: "יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה", ווייל דאס איז געווען מער א פעולה וואס יתרו האט געטוהן ארויס צו ווייזן ווארימ'קייט צו זיין איידעם משה און צו דער הייליגער תורה הק'.

און בכלל וויל די פסוק דא ארויס ברענגען נאך א מורא'דיגע נקודה, ווייל די פסוק וויל דא ארויס ברענגען, אז מען דארף מען זיך אפ לערנען פון משה רבינו און פון יתרו די וועג ווי אזוי מען דארף זיך אויף פירן מיט א איידעם, און די וועג ווי אזוי מען דארף זיך אויף פירן מיט א שווער.

ווייל יתרו איז דאך געווען א שווער וואס האט מחשיב געווען זיין איידעם עד הסוף, און ער האט פארשטאנען וואס דאס מיינט מחשיב זיין א "תלמיד חכם", און ער האט זיך גע'גרויס'ט אז: "אני חותן המלך".

און די זעלבע זאך איז געווען מיט משה רבינו, ווייל משה רבינו האט אויך מכבד געווען זיין שווער ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי עס שטייט בפירוש אין די תורה, אז: "וַיָּשָׁב אֶל יֶתֶר חֹתְנוֹ", און רש"י זאגט דארטן גלייך אויפן פלאץ, אז משה רבינו איז צוריק געגאנגען צו זיין שווער כדי: "ליטול ממנו רשות" – כדי צו נעמען רשות פון איהם אוועק צו גיין פון מדין, און גיין קיין מצרים.

און אזוי זעהט מען טאקע אויך ווייטער אין די פסוקים, אז: "וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה לְקוֹל חֹתְנוֹ וַיַּעַשׂ כֹּל אֲשֶׁר אָמָר" – אז משה רבינו האט צו געהערט צו די קול פון זיין שווער, און ער האט געטוהן אלעס וואס זיין שווער האט איהם געזאגט צו טוהן, און אזוי אויך שטייט אין איינער פון די פסוקים פון די פרשה, אז: "וַיֵּצֵא מֹשֶׁה לִקְרַאת חֹתְנוֹ", ווייל משה רבינו האט מקיים געווען דאס וואס עס שטייט אין די תורה אז: "חייב אדם בכבוד חמיו".

און אלץ זכר צו דעם, פירן מיר זיך טאקע עד היום הזה אז ווען א איידעם ווערט מכובד מיט "ברכת המזון" אויפן כוס ביי זיין שווער אין שטוב.. זאגט ער דעמאלט'ס: בִּרְשׁוּת מוֹרִי "חָמִי", ווייל די ווארט: "חָמִי" – איז דאך ראשי תיבות: "יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה", כדי צו דערמאנען זכותו של משה רבינו וואס האט מכבד געווען זיין שווער יתרו, און: "וכן להיפוך".

ווייל דאס איז די אמת'ע וועג ווי אזוי א שווער דארף זיך אויף פירן מיט א איידעם, און ווי אזוי א איידעם דארף מכבד זיין שווער, און רש"י הק' זאגט טאקע אויף די ווערטער: וַיָּבֹא יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה וגו', אז: "בשבחו של יתרו דבר הכתוב", ווייל עס איז דאך די שענסטע זאך אז א שווער ווייסט ווי אזוי צו שעצן א

איידעם א תלמיד חכם, און ער טוט אזוי ווי יתרו האט געטוהן, אז ער גייט הערן דעם דבר השם, אפילו אין א וויסט'ן מדבר, ווייל יתרו האט טאקע קלאר געוואוסט בידיעה גמורה, אז דארטן אין די מדבר איז "כבודו של עולם", און נישט ביי די אלע שיינע פלעצער ווי די מלכי אומות העולם זיצן, ווייל דארטן אין דעם וויסט'ן מדבר איז דאך דא "השראת השכינה", אזוי ווי עס שטייט בפירוש אין פסוק, אז: "אֲשֶׁר הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹקִים":

וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יהו-ה לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם עַל אוֹדֹת יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתַם בַּדֶּרֶךְ וַיַּצִּלֵם יהו-ה: רש"י זאגט, אז די טעם פארוואס משה רבינו האט דערציילט פאר יתרו די אלע זאכן איז געווען, כדי: "למשוך ליבו לקרבו לתורה" – כדי איהם מקרב צו זיין צו עבודת השם יתברך, און מיר אלע ווייסן דאך אויך, אז יתרו איז ארויס געגאנגען צו די מדבר כדי צו הערן דעם דבר השם פון משה רבינו.

אבער לכאורה איז שווער א מורא'דיגע קשיא, ווייל פארוואס שטייט אין פסוק אז: "וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יהו-ה לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם", יתרו האט דאך שוין פון לאנג געהערט פון דעם חלק: "אֲשֶׁר עָשָׂה יהו-ה לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין בפירוש אין דעם ערשטן פסוק פון די וואכעדיגע פרשה, אז: "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ" וגו' – אז יתרו האט געהערט: "אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ כִּי הוֹצִיא יהו-ה אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם", און ממילא וואס האט משה רבינו דערציילט דא פאר יתרו..?!

די מפרשים ענטפער'ן פארשידענ'ע תירוצים אויף דעם על פי פשט, און פארשידענ'ע תירוצים שלא על פי פשט, אבער לכאורה מען קען ענטפער'ן אזוי, אז משה רבינו האט פארציילט פאר יתרו: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה "יהו-ה" לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם – אלע גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער האט געטוהן פאר די יודישע קינדער, ווי למשל.. די אלע אותות ומופתים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט פאר די יודישע קינדער, און די אלע גרויסע ניסים וואס די יודישע קינדער האבן געהאט ביי קריעת ים סוף, און אזוי ווייטער..

אבער משה רבינו האט נישט פארציילט פאר יתרו די אלע: "יִסּוּרִים" וואס זיי האבן מיט געמאכט אין דעם ביטער'ן לאנד מצרים, און אז מען האט א יעדן טאג געשאכטן הונדערט'ער יודישע קינדער אין מצרים, נאר ער האט איהם נאר דערציילט: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה "יהו-ה" לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם, ווייל ער האט דאך נאך געוואלט לערנען תורה מיט יתרו.

אבער פאר מען וויל אָן הייבן צו לערנען די הייליגע תורה, דארף מען דאך גוט אריין נעמען אין זיך, אז מען דארף אייביג קוקען אויף דעם חלק וואס איך האב יא, און נישט קוקען אויף דעם חלק וואס איך האב נישט, ווייל אויב איינער וואס וויל ענדיגן ש"ס וועט א גאנצן צייט קוקען אויף דעם חלק וואס ער האט נאך נישט געלערנט, דעמאלט'ס וועט ער גלייך ווערן אפ געשוואכט, און ער וועט גלייך פארלירן די כח און די חשק צו לערנען ווייטער.

און ממילא וועגן דעם האט משה רבינו נאר דערציילט פאר יתרו די געוואלדיגע גרויסע ניסים וואס די יודישע קינדער האבן געהאט, און די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט זיי, און נישט עפעס אנדערש, ווייל משה רבינו האט געוואלט ווייזן מיט דעם פאר יתרו, אז פאר ער קומט לערנען די הייליגע תורה, דעמאלט'ס דארף ער גוט אריין נעמען אין זיך, אז מען טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין, נאר מען דארף שטענדיג קוקען אויף דעם חלק וואס איך האב יא, און אויף דעם חלק פון דעם כוס וואס איז יא פיל, און נישט אויף דעם חלק וואס איז ליידיג.

און ממילא דאס איז פשט אין דעם פסוק פון: וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ וגו', ווייל די ווערטער: "וַיְסַפֵּ**ר** מֹשֶׁ**ה** לְחֹתְנוֹ אֵ**ת**" – איז דאך סופי תיבות: "תּוֹרָה", ווייל משה רבינו האט זיך אָן גערופן צו יתרו, און ער האט איהם געזאגט, אז אויב ווילסטו זוכה זיין צו קונה זיין תורה, דעמאלט'ס דארפסטו וויסן, אז מען דארף

שטענדיג נאר קוקען אויף דעם חלק: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה "יהו-ה" לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם אפילו עס איז געווען אנדערע זאכן אויך.

ווייל א יודיש קינד דארף שטענדיג קוקען אויף דעם חלק וואס איז יא פיל, און נישט אויף דעם חלק וואס איז ליידיג, און א יודיש קינד דארף שטענדיג רעדן פון דעם "חסד השם" וואס ער איז זיך מתחסד מיט אונז א יעדע רגע פון דעם טאג.

און משה רבינו האט ווייטער געזאגט צו יתרו, אז: "אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתַם" – אז די אלע פראבלעמען וואס עס איז געשעהן צו אונז, דאס דארף מען איבער לאזן: "בַּדֶּרֶךְ" – ערגעץ אויפן וועג, ווייל איבער אלעמען.. איז דאך: "וַיַּצִּלֵם יהו-ה" – האט דאך דער אייבערשטער אונז גערעטעוועט, און ממילא דארפן מיר פשוט זיין פריילעך מיט דעם חלק וואס עס איז יא געבליבן פון כלל ישראל, און זיך מיט דעם: "מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ" זיין.

און אזוי ווי יתרו האט דאס געהערט.. האט ער זיך זייער געפריידט, אזוי ווי עס שטייט טאקע גלייך נאך דעם אין דעם פסוק, אז: וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ "עַל כָּל הַטּוֹבָה" אֲשֶׁר עָשָׂה "יהו-ה" לְיִשְׂרָאֵל – אז יתרו האט זיך געפריידט מיט די אלע "גוטע" זאכן וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט די יודישע קינדער, ווייל ער האט פארשטאנען פון משה רבינו, אז כדי צו קענען קונה זיין די הייליגע תורה, דעמאלט'ס דארף מען נאר קוקען אויף די גוטע חלק וואס עס איז דא, און אויף די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט אונז.

און אזוי אויך דארף מען שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטן אויף זיינע אלע חסדים וואס ער טוט מיט אונז א יעדע מינוט פון דעם טאג, און וועגן דעם טאקע האט זיך יתרו גלייך נאך דעם אָן גערופן, אז: "בָּרוּךְ יהו-ה אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם" וגו', ווייל ער האט געוואוסט, אז דער אייבערשטער איז מיר גארנישט שולדיג, נאר פארקערט, וואס ער געבט מיר איז א "הוספה", און וואס ער געבט מיר, בין איך איהם נאר שולדיג נאך א יישר כח.

און עס איז כדי אָן צו מערקן נאך א נקודה, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז יתרו האט דאך געהאט זיבן נעהמען: 1) די ערשטע איז געווען: "רְעוּאֵל", 2) און די צווייטע איז געווען: "יֶתֶר", 3) און די דריטע איז געווען: "יִתְרוֹ", 4) און די פערטע איז געווען: "חוֹבָב", 5) און די פיפט'ע איז געווען: "חֶבֶר", 6) און די זעקסט'ע איז געווען: "קֵינִי", 7) און די זיבעט'ע איז געווען: "פּוּטִיאֵל", און מיר זעהען דא אין די פסוקים אז עס שטייט נישט אין דעם פסוק, אז: וַיֹּאמֶר "רְעוּאֵל" בָּרוּךְ יהו-ה וגו', נאר עס שטייט אין דעם פסוק, אז: וַיֹּאמֶר "יִתְרוֹ" בָּרוּךְ יהו-ה וגו'.

איי פארוואס טאקע..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל די ווארט: "יִתְרוֹ" – איז דאך די זעלבע אותיות ווי די ווארט: "יוֹתֵר" – מער, און דאס איז דאך טאקע געווען דער ענין דא, ווייל יתרו האט דאך געוואוסט בידיעה גמורה, אז אלעס וואס איך באקום פון דעם אייבערשטן איז נאר א: "רבותא", און אלעס וואס איך באקום פון דעם אייבערשטן איז נאר א: "הוספה", און אלעס וואס איך באקום פון דעם אייבערשטן איז נאר א: "חֶסֶד" פון דעם: "הַגּוֹמֵל חֲסָדִים טוֹבִים לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל", און איינמאל א מענטש ווייסט שוין אז אלעס וואס דער אייבערשטער געבט איהם איז נאר א "הוספה", דעמאלט'ס קען ער שוין גלייך אויף הייבן זיינע אויגן צום הימל און זאגן: "בָּרוּךְ יהו-ה אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם":

עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל יהו-ה מִכָּל הָאֱלֹקִים כִּי בַדָּבָר אֲשֶׁר זָדוּ עֲלֵיהֶם: יתרו האט דא געזאגט, אז יעצט ווייס איך שוין אויך אז: מִדַּת "הָרַחֲמִים" איז גרעסער ווי: מִדַּת "הַדִּין", פארוואס..?! ווייל: "כִּי בַדָּבָר אֲשֶׁר זָדוּ עֲלֵיהֶם" – ווייל די מצריים האבן דאך שלעכט'ס געטוהן במזיד פאר די יודישע קינדער אין מצרים מער ווי די גבול, און דאס מיינט צו זאגן אזוי, ווייל עס איז דאך באקאנט, אז די מצריים האבן דאך נישט געהאט קיין שום רעכט צו פייניגן די יודישע קינדער מער ווי עס איז געווען אפ געשריבן אויף זיי, אבער אפילו

אזוי האבן די מצריים יא געפייניגט די יודישע קינדער מער ווי עס איז געווען אפ געשריבן אויף זיי, און זיי האבן צו גענומען זייערע קינדער, און זיי האבן זיי אריין געבויעט אין די ווענט אנשטאדט די ציגל וואס די יודישע קינדער האבן געדארפט ענדיגן, וכדומה.

און וויבאלד די מצריים האבן אזוי שטארק געפייניגט די יודישע קינדער, ממילא האט דער אייבערשטער [כביכול] געמוזט ווייזן פאר די גאנצע וועלט אז מען קען נישט טשעפענען מיין פאלק ישראל וויפיל עס לאזט זיך, און וויבאלד די מצריים האבן אזוי שטארק איבער געצויגן דעם שטריק, ממילא האט דער אייבערשטער געמאכט א קריעת ים סוף, און אויף געהויבן די טויער'ן פון די וואסער גאר גאר הויעך, כדי אז די גאנצע וועלט זאל זעהן אז דער אייבערשטער האט געראטעוועט די יודישע קינדער פון די מצריים וואס האבן זיי אזוי שטארק געפייניגט.

און ממילא דאס איז פשט אין פסוק, ווייל יתרו האט געזאגט פאר משה רבינו, אז: "עַתָּה יָדַעְתִּי" – אז יעצט ווייס איך שוין.. "כִּי גָדוֹל יהו-ה מִכָּל הָאֱלֹקִים" – אז: מִדַּת "הָרַחֲמִים" איז גרעסער ווי: מִדַּת "הַדִּין", פארוואס..?! ווייל: "כִּי בַדָּבָר אֲשֶׁר זָדוּ עֲלֵיהֶם" – ווייל וויבאלד די מצריים זענען געווען "מזידין", און זיי האבן געפייניגט במזיד די יודישע קינדער.. אסאך מער ווי זיי האבן געמעגט, ממילא וועגן דעם האט דער אייבערשטער כביכול געמוזט ווייזן פאר די גאנצע וועלט ווי שטארק ער היט אויף זיין פאלק ישראל, און ער האט אריין געווארפן די מצריים אין דעם ים סוף, און ער האט געשפאלטן די ים פאר די יודישע קינדער, און אויף געהויבן די וואסער'ן הויעך אויף ארויף, כדי אז די גאנצע וועלט זאל זעהן, אז אפילו די יודישע קינדער האבן אזוי פיל געליטן אין דעם לאנד מצרים: בְּמִדַּת "הַדִּין", אפילו אזוי.. זאל א יעדער איינער זעהן, אז: מִדַּת "הָרַחֲמִים" איז אייביג שטערקער, און קיינער זאל נישט פראבירן צו טשעפענען מיט די יודישע קינדער.

ווייל אפילו ווען עס איז דא: מִדַּת "הַדִּין", ליגט אבער נאך אלץ באהאלטן טיף אינעווייניג אין דעם אסאך א שטערקער'ע: מִדַּת "הָרַחֲמִים", און וויבאלד די מצריים האבן איבער געצויגן דעם שטריק פון: "דִּין" אויף די יודישע קינדער, ממילא האט דער אייבערשטער [כביכול] געמוזט איבער ציען דעם שטריק פון "רחמים" אויף די יודישע קינדער, און דורך דעם איז טאקע נתגלה געווארן פאר די גאנצע וועלט [און אפילו פאר יתרו] אז: מִדַּת "הָרַחֲמִים" איז אסאך אסאך גרעסער ווי: מִדַּת "הַדִּין":

עַתָּה שְׁמַע בְּקֹלִי אִיעָצְךָ וִיהִי אֱלֹקִים עִמָּךְ הֱיֵה אַתָּה לָעָם מוּל הָאֱלֹקִים וְהֵבֵאתָ אַתָּה אֶת הַדְּבָרִים אֶל הָאֱלֹקִים: לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז די לאנגע לשון וואס יתרו האט דא געזאגט, אז: "שְׁמַע בְּקֹלִי" – הער מיר צו, און: "אִיעָצְךָ" – און איך וועל דיר געבן א עצה, וואס האט דאס אויס געפעלט..?!

נאר די תירוץ איז, אז יתרו האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז: "שְׁמַע בְּקֹלִי" – הער מיר גוט צו וואס איך זאג דיר, אז וואס..?! אז: "אִיעָצְךָ" – אויב ווילסטו א עצה פאר "יראת השם", דעמאלט'ס זאלסטו שטענדיג טראכטן אז: "וִיהִי אֱלֹקִים עִמָּךְ" – אז דער אייבערשטער געפונט זיך דא לעבן מיר, ווייל אויב וועסטו שטענדיג טראכטן אז: "וִיהִי אֱלֹקִים עִמָּךְ", דעמאלט'ס וועסטו קענען זוכה זיין שטענדיג צו האבן "יראת השם".

און דורך דעם וואס דו וועסט וויסן אז דער אייבערשטער געפונט זיך לעבן דיר, וועסטו דאך אויך ווערן גאר שטארק ביי זיך, ווייל דו וועסט וויסן, אז דער אייבערשטער שטייט דאך דא לעבן מיר, און ממילא האב איך א מורא'דיגע גבורה אויף מיינע גשמיות'דיגע רצונות, און איך טוה נישט קיין עבירות, ווייל דער אייבערשטער געפונט זיך דאך דא לעבן מיר.

און די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**וַ**יְהִי **אֱ**לֹקִים **עִ**מָּךְ" – איז דאך טאקע גימטריא: "עֹז", ווייל דורך דעם וואס דו וועסט שטענדיג טראכטן אז: "וִיהִי אֱלֹקִים עִמָּךְ", וועסטו קענען זיין שטארק מיט זיך, און דו

וועסט קענען האבן א "כח ההתגברות" אויף דעם יצר הרע, ווייל דו וועסט דאך וויסן קלאר, אז עס קומט נישט אין באטראכט צו טוהן א עבירה, ווייל דער אייבערשטער שטייט דאך דא לעבן מיר.

און וואס איז די תכלית פארוואס איך געב דיר איבער דעם עצה..?! די תכלית פון דעם איז, אז: "הֱיֵה אַתָּה לָעָם" – אז דו זאלסט זיין א הילף פאר די פאלק אין דעם ענין, און דו זאלסט דאס איבער געבן פאר זיי, און דו זאלסט זיין זייער רבי אין דעם ענין, ווייל דורך דעם וואס גאנץ כלל ישראל וועט וועט דאס וויסן, וועלן זיי אלע קענען זוכה זיין צו זיין: "מוּל הָאֱלֹקִים" – נאנט צום אייבערשטן, ווייל אויב א יעדער איינער וועט האבן: "יִרְאַת שָׁמַיִם", דעמאלט'ס וועלן זיי דאך אלע קענען זוכה זיין צו זיין: "מוּל הָאֱלֹקִים" – נאנט צום אייבערשטן.

און די ווערטער: "**מ**וּל **הָ**אֱלֹקִים" – איז דאך ראשי תיבות: "מָה", און דאס גייט דאך ארויף אויף דעם: "מָה יהו-ה אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה" – וואס גייט ארויף אויף: "יִרְאַת שָׁמַיִם"..?! ווייל נאר אויב א יוד פארמאגט: "יִרְאַת שָׁמַיִם", קען ער זיין: "מוּל הָאֱלֹקִים" – דבוק צום אייבערשטן.

און אויב: "**מ**וּל **הָ**אֱלֹקִים" – און אויב וועסטו פרעגן: "מָה" – וואס איז די וועג צו דערגרייכן: "יִרְאַת שָׁמַיִם"..?! וואס מען דארף טוהן כדי צו באקומען: "יִרְאַת שָׁמַיִם"..?! אויף דעם איז די תירוץ.. די סופי תיבות פון די ווערטער: "מוּ**ל** הָאֱלֹקִי**ם**" – וואס די ווערטער: "מוּ**ל** הָאֱלֹקִי**ם**" – איז דאך גימטריא: ע', ווייל דער עי"ן דארף זיין ווי עס דארף צו זיין – דער אויג דארף זיין ווי עס דארף צו זיין, און מען דארף ארבעטן אויף: "שְׁמִירַת עֵינַיִם", און איינמאל מען האט שוין: "שְׁמִירַת עֵינַיִם", דעמאלט'ס קען מען שוין זוכה זיין צו זיין: "מוּל הָאֱלֹקִים" – נאנט צום הייליגן באשעפער.

און דער הייליגער בת עין זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט דאך אונז שוין טאקע אמאל געזאגט, אז עס ווערט דאך שוין געברענגט אין חז"ל, אז: "אֵין לְמַעְלָה "מֵעֹנֶג" וְאֵין לְמַטָּה "מִנֶּגַע", און די ווארט: "עֹנֶג" מיט די ווארט: "נֶגַע" זענען דאך די זעלבע אותיות, אבער די שאלה איז נאר וואו די עי"ן ליגט, ווייל אויב די עי"ן ליגט אויף די "רעכטע" זייט, און מען פארמאגט טאקע באמת: "שְׁמִירַת עֵינַיִם", דעמאלט'ס איז דאס: "**ע**ֹנֶג", און עס איז איהם טאקע דעמאלט'ס זיס און פריילעך און ליכטיג, אבער אויב דער עי"ן ליגט אויף די "לינקע" זייט, און מען פארמאגט נישט קיין: "שְׁמִירַת עֵינַיִם", דעמאלט'ס איז דאס חס ושלום: "נֶגַ**ע**" – דעמאלט'ס איז דאס חס ושלום גאר גאר א גרויסע פלאג, און עס איז דעמאלט'ס חס ושלום גאר גאר ביטער און פינסטער.

און ממילא אלעס ווענדט זיך וואו מען לייגט דעם עי"ן – אלעס ווענדט זיך וואו מען לייגט דעם "אויג", ווייל אויב לייגט מען דעם אויג אויף די "רעכטע" זייט, און מען האט: "שְׁמִירַת עֵינַיִם", דעמאלט'ס איז דאס: "**ע**ֹנֶג" – דעמאלט'ס איז דאס לעבן זיס און געשמאק, אבער אויב לייגט מען ח"ו דעם אויג אויף די "לינקע" זייט, און מען האט נישט קיין: "שְׁמִירַת עֵינַיִם", דעמאלט'ס איז דאס חס ושלום: "נֶגַ**ע**" – דעמאלט'ס איז דאס חס ושלום גאר גאר א גרויסע פלאג, און מען קען דעמאלט'ס חס ושלום ווערן פאר יאגט און פאר פלאגט מיט כל מיני: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים".

אבער משא"כ אויב א יודיש קינד היט זיך יא אפ זיינע אויגן, און ער קוקט נאר וואס מען מעג, דעמאלט'ס היט ער זיך אטאמאטיש אפ פון אלע: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים" וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט, און עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין משלי (קפיטל כ"א פסוק כ"ג), אז אויב: "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ" – אז אויב א מענטש היט זיך אפ דאס מויל און דאס צונג, און ער רעדט נישט קיין: "דְבָרִים הָאֲסוּרִים", דעמאלט'ס: "שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ" – דעמאלט'ס היט ער זיך אליין אפ פון כל מיני צרות וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט.

און עס שטייט נישט אין פסוק אז: "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ" – אז אויב א מענטש וועט זיך אפ היטן דעם דיבור, דעמאלט'ס: "יִהְיֶה שָׁמוּר מִכָּל צָרָה" – דעמאלט'ס וועט ער ווערן אפ געהיטן פון א יעדע צרה, נאר עס

שטייט אין פסוק אז: "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ" – אז אויב א מענטש וועט זיך אפ היטן דעם דיבור, דעמאלט'ס: "שֹׁמֵר" מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ – דעמאלט'ס היט ער זיך אליין אפ פון אלע: "צָרוֹת יָגוֹן וַאֲנָחוֹת" וואס עס איז נאר פאראהנען אויף דער וועלט, ווייל די זכות פון "שמירת הלשון" איז אזוי גרויס.. אז די זכות פון "שמירת הלשון" אליין איז א שמירה אויף דעם מענטש, און די זכות פון "שמירת הלשון" אליין שיצט איהם שטענדיג: "בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה":

בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי: רש"י הק' זאגט, אז די יודישע קינדער זענען אָן געקומען צו מדבר סיני: "בראש חודש" – ראש חודש סיון, און רש"י הק' זאגט אונז דא ווייטער, אז: לא היה צריך לכתוב אלא ביום "ההוא" – אז עס וואלט דאך לכאורה געדארפט שטיין אין דעם פסוק דא דעם לשון: ביום "ההוא" באו מדבר סיני, אבער: מהו ביום "הזה" – וואס איז אבער פשט פון דעם לשון: בַּיּוֹם "הַזֶּה"..?!

זאגט אויף דעם רש"י הק', אז די לשון: בַּיּוֹם "הַזֶּה" קומט אונז צו לערנען, אז: "שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאילו היום נתנו" – אז א יעדן טאג דארף א מענטש שפירן כאילו היינטיג'ן טאג איז געגעבן געווארן דער הייליגער תורה הק' פון דאס ניי, און ממילא וועגן דעם שטייט דעם לשון: בַּיּוֹם "הַזֶּה", און נישט: בַּיּוֹם "הַהוּא", ווייל א מענטש דארף א יעדן טאג האבן א געפיל פון: "הִתְחַדְּשׁוּת" צו דער הייליגער תורה הק', און א מענטש דארף א יעדן איינציגסט'ן טאג שפירן ביי זיך אז ער האט אין דעם היינטיג'ן טאג מקבל געווען דער הייליגער תורה הק' פון דאס ניי.

(און דאס מיינט דאך אויך צו זאגן, אז פונקט אזוי ווי ווען א מענטש באקומט א נייע זאך איז ער זייער פריילעך מיט דעם, ווייל די חפץ איז דאך א "נייע" זאך ביי איהם, אזוי אויך דארף א מענטש שפירן א יעדן טאג לגבי דער הייליגער תורה הק', ווייל א מענטש דארף שפירן א יעדן טאג אז דער הייליגער תורה הק' איז א נייע זאך ביי מיר וואס איז מיר געגעבן געווארן היינטיג'ן טאג פון דאס ניי, און ממילא וועגן דעם דארף איך טאקע זעהן צו לערנען דער הייליגער תורה הק' מיט א באזונדער'ע: "שִׂמְחָה" שֶׁל מִצְוָה).

אבער ווי אזוי קען מען טאקע צו קומען צו שפירן אז דער הייליגער תורה הק' איז טאקע באמת א נייע זאך..?! וועגן דעם זאגט אונז דער הייליגער תורה הק' אין פרשת יתרו, אז: "**בַּ**חֹדֶשׁ **הַ**שְּׁלִישִׁי **לְ**צֵאת" – וואס די ווערטער איז דאך ראשי תיבות: "הַלֵּב", ווייל ווען א יוד וויל זוכה זיין צו: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", דעמאלט'ס דארף ער קודם מקשר זיין דאס הארץ מיט דער הייליגער תורה הק'.

און עס איז נישט גענוג אז ער הערט סתם עפעס א דרשה אז מען דארף זיך מקשר זיין דאס הארץ צו דער הייליגער תורה הק', ניין.. נאר עס דארף זיין: "**לְ**צֵאת **בְּ**נֵי **יִ**שְׂרָאֵל" – וואס די ווערטער איז דאך ראשי תיבות: "לִבִּי" – מיין הארץ, ווייל מיין פריוואט'ע הארץ דארף אויך זיין מקושר צו דער הייליגער תורה הק', און צו: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", און איך דארף אויך קענען מחדש זיין "חידושים" אין דער הייליגער תורה הק'.

אבער על כל פנים.. וועגן דעם שטייט נישט אין פסוק דעם לשון: בַּיּוֹם "הַהוּא", נאר: בַּיּוֹם "הַזֶּה", ווייל דער הייליגער תורה הק' דארף האבן אזא סארט געפיל ביי א מענטש כאילו ער האט דאס היינטיג'ן טאג באקומען, און א מענטש דארף כסדר פראבירן צו טוהן אלעס אויף דער וועלט כדי זיך צו קענען מתחדש זיין און זיך אויף פריש'ן אין דעם ענין פון: "לִמּוּד הַתּוֹרָה", ווייל דאס איז דאך די ערשטע הקדמה וואס א מענטש דארף וויסן פאר: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה" – פאר ער וויל מקבל זיין די תורה, אז וואס..?! אז.. יא, עס גייט קומען שווערע זמנים, און עס גייט קומען שווערע נסיונות וואס וועט דיר נישט אלעמאל לאזן לערנען פלייסיג, נאר עס וועט דיר אמאל אוועק שלעפן דיין קאפ פון דער הייליגער תורה הק', און עס וועט דיר אמאל צו נעמען דיין "ישוב הדעת" וואס דו האסט געהאט צום לערנען, און עס וועט דיר אמאל צו נעמען דיין "הרחבת הדעת" וואס דו האסט געהאט צום לערנען, און וועגן דעם ביזטו דאך דא, מלחמה צו האלטן מיט די אלע שווערע נסיונות.

און דער ענין ווערט דאך שוין טאקע אויך דערמאנט אין פרשת בלק, ווייל אין פרשת בלק שטייט דאך, אז די מלאך האט דארט געזאגט פאר בלעם הרשע בשעת ווען ער איז געווען אויף זיין אייזל אז: "הִנֵּה אָנֹכִי יָצָאתִי לְשָׂטָן כִּי יָרַט הַדֶּרֶךְ לְנֶגְדִּי", קען מען טייטש'ן אזוי, אז א מענטש דארף שטענדיג געדענקען, אז: "הִנֵּה אָנֹכִי יָצָאתִי לְשָׂטָן" – אז דער יצר הרע גייט שטענדיג ארויס אנטקעגן דעם מענטש כדי איהם צו שטערן אין זיינע עניני עבודת השם, און דאס איז דאך גאר א וויכטיגע כלל וואס א מענטש דארף שטענדיג געדענקען, און א מענטש טאר זיך קיינמאל נישט איין רעדן אז נע.. מיין יצר הרע וועט מיר שוין מער נישט שטערן צו דינען דעם אייבערשטן, און איך וועל שוין קענען דינען דעם אייבערשטן "בטהרה" ממש, און אויפן גרעסט'ן מדריגה ממש, ווייל: כִּי "יָרַט", וואס די ווארט: "יָרַט" – איז דאך גימטריא: "טַהֲרָה" – ווייל אין די זעלבע צייט וואס דו ווילס'ט דערגרייכן "טהרה", זאלסטו אבער געדענקען, אז: "הַדֶּרֶךְ לְנֶגְדִּי" – אז די וועגן.. און די גאנצע גאס [מיט אלע אירע יצר הרע'ס] איז אנטקעגן דיר, און די יצר הרע שלאפט דאך קיינמאל נישט.

און ממילא טראכט נישט פאר קיין איין רגע אז די יצר הרע וועט דיר שוין לאזן דינען דעם אייבערשטן, ווייל ווען עס איז: כִּי "יָרַט" – ווייל ווען דו ווילס'ט צו קומען צו "טהרה", דעמאלט'ס וועט גלייך פאסירן א: "הִנֵּה אָנֹכִי יָצָאתִי לְשָׂטָן" – וועט זיך דער יצר הרע גלייך אָן רוקן אויפן פלאץ, און ממילא זוך נישט קיין וועגן און קיין אופנים ווי אזוי פטור צו ווערן פון דעם יצר הרע, ווייל: "כל הדרכים בחזקת סכנה", און עס איז דאך בעצם נישט דא קיין עצה צו קענען אינגאנצן מסלק זיין דעם יצר הרע פון זיך, ווייל פאר דעם זענען מיר דאך דא, כדי "מלחמה" צו האלטן מיט דעם יצר הרע, און זיך נישט פארלירן פון א דורך פאל.

און: "לִמּוּד הַתּוֹרָה" איז דאך אויך נישט א זאך וואס קען אינגאנצן מסלק זיין דעם יצר הרע פון א מענטש, ווייל חז"ל זאגן דאך אונז, אז דער אייבערשטער האט דאך סך הכל געזאגט אז: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", און: "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ" – און אויב זענט איר עוסק אין דער הייליגער תורה הק', דעמאלט'ס וועט איר נישט ווערן איבער געגעבן אין די הענט פון דעם יצר הרע, ווייל דער הייליגער תורה הק' איז דאך "מכניע" דעם יצר הרע, אבער "מבטל" זיין דעם יצר הרע: "לְעוֹלְמֵי עַד".. אזא זאך עקזעסטירט דאך נישט, ווייל אויב א מענטש בלייבט אָן א יצר הרע, דעמאלט'ס האט ער דאך שוין נישט וואס צו זוכן דא אויף דער וועלט, ווייל מיר זענען דאך אלע דא כדי צו שטיין אין א כסדר'דיגע מלחמה מיט דעם יצר הרע.

און ממילא.. האלט מלחמה מיט איהם, און שלאג זיך מיט איהם, און אזוי וועסטו איהם קענען געווינען, ווייל די תכלית פון דעם יצר הרע אויף דער וועלט איז, אז מיר זאלן זיך שלאגן מיט איהם, און מיר זאלן איהם פראבירן מנצח צו זיין, און די תכלית איז, די "מלחמה" אליין, אזוי ווי עס ווערט דאך שוין טאקע קלאר מבואר אין די ספרים הק'.

און א מענטש דארף וויסן קלאר ביי זיך, אז.. יא, עס גייט קומען אמאל א שווערע מלחמה, און דער יצר הרע וועט דאך נאך אמאל פראבירן צו פאר פירן, ווייל ער שלאפט דאך קיינמאל נישט, און ער וועט דאך מיר נאך פראבירן אוועק צו נעמען די "ישוב הדעת" צום לערנען און די "שכל הישר" צום לערנען.

און וועגן דעם דארף טאקע א מענטש גוט געדענקען דעם: בַּיּוֹם "הַזֶּה" – אז.. יא, א יעדן טאג קען איך זיך באנייען פון פריש, און א יעדן טאג קען איך זאגן נאך אמאל, אז וואס איז געווען איז געווען, אבער יעצט הייב איך אָן פון פריש, און עס איז גע'ענדיגט מיט נעכטן, ווייל יעצט הייב איך דאך אָן א נייע התחלה און א נייע פריש'קייט: "לַעֲבוֹד אֶת בּוֹרְאִי יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ".

און דאס איז דאך טאקע גאר א גרויסע יסוד אין אלע עניני עבודת השם, ווייל מיר האבן דאך אלע א יצר הרע, און אויב מיר וועלן אלע גוט אריין נעמען אין זיך דעם געדאנק אז.. יא, עס איז דא אזא זאך ווי א דורך פאל, און אנטקעגן דעם איז דא א זאך וואס הייסט: "הִתְחַדְּשׁוּת", דעמאלט'ס וועלן מיר אלע קענען

שטייגן מעלה מעלה בתורה ועבודת השם, ווייל וואס וויל דער יצר הרע פון א מענטש..?! דער יצר הרע וויל איין זאך פון דיר, אז זאלסט אויף געבן, און אז דו זאלסט אויף הערן צו פראבירן צו זיין גוט, און אז דו זאלסט אויף הערן "מלחמה" צו האלטן מיט איהם.

אבער אויב א מענטש געדענקט א גאנצן צייט אז עס איז דא אזא זאך ווי א דורך פאל, און אנטקעגן דעם איז דא א זאך וואס רופט זיך: "הִתְחַדְּשׁוּת", דעמאלט'ס וועט ער זיך דאך שטענדיג פראבירן מתחדש צו זיין בתורה ועבודה, און ער וועט זיך ח"ו נישט נאך לאזן נאך די אלע שווערע נסיונות וואס פראבירן איהם אפ צו שוואכן אין זיין הייליגע עבודה.

און מיר דארפן זיך טאקע אלע שטארקן אין דעם ענין פון: "הִתְחַדְּשׁוּת", און מיר דארפן אלע גוט געדענקען, אז וויין איז נישט די איינציג'סטע וועג ווי אזוי א מענטש קען זיין פריילעך, נאר עס איז דא נאך וועגן, עס איז דאך דא דער הייליגער תורה הק' וואס דער פריידט א מענטש, אזוי ווי דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין זיין ספר תהלים, אז: "פִּקּוּדֵי יהו-ה יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב" – אז דער הייליגער תורה הק' מאכט פריילעך א מענטש, און נישט קיין אנדערע זאכן.

און אזוי אויך זאגט אונז דוד המלך אין זיין ספר תהלים, אז: "שָׂשׂ אָנֹכִי עַל אִמְרָתֶךָ" – אז איך פריי זיך מיט א יעדע ווארט תורה ותפילה אזוי שטארק ווי: "כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב" – אזוי שטארק ווי איינער וואס טרעפט א ריזיג'ן פארמעגן מיט געלט, און דאס בעטן מיר דאך אלע פון דעם הייליגן באשעפער א יעדע נאכט ביי תפילת ערבית פארן מקבל זיין עול מלכות שמים באהבה, אז: "וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ" – אז מיר זאלן שוין זוכה זיין זיך צו באמת פרייען מיט דער הייליגער תורה הק'.

און מיר זינגען דאך טאקע אלע אין דעם יום טוב פון: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה" דעם ניגון: עֶלְיוֹנִים "שָׂשׂוּ" וְתַחְתּוֹנִים "עָלְזוּ" בְּקַבָּלַת תּוֹרָה הַכְּתוּבָה מִסִּינַי, ווייל.. יא, די גאנצע בריאה האט דעמאלט'ס געזעהן אז עס גייט נישט זיין דא עפעס א פשוט'ע: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה" [וואס מיר האבן שוין געוואורט אויף דעם יארן לאנג], נאר עס גייט דא זיין א: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשִׂמְחָה" – עס גייט דא זיין א פריילינ'ע: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", און ממילא וועגן דעם האבן זיי זיך אלע מיט געפריידט מיט די יודישע קינדער.

און דאס שטייט דאך טאקע אין דעם הייליגן זוהר הק', אז: "כַּד יַתְבִין יִשְׂרָאֵל" – אז ווען יודישע קינדער זיצן צוזאמען, און: וְעוֹסְקִין "בְּשִׂמְחַת" הַתּוֹרָה – און זיי זענען עוסק אין דעם ענין אז מען דארף זיך פרייען מיט דער הייליגער תורה הק', דעמאלט'ס: "קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אוֹמֵר לְפַמַּלְיָא דִילֵיהּ" – דעמאלט'ס זאגט דער הייליגער באשעפער פאר די גאנצע פעמליא של מעלה, אז: "חֲזוּ בָּנַי חֲבִיבַי" – אז געבט'ס א קוק אויף מיינע טייערע ליבע קינדער וואס זענען עוסק אין דעם ענין אז מען דארף זיך פרייען מיט דער הייליגער תורה הק'.

און מיר זאגן טאקע אלע שמחת תורה ביים דאווענען, אז: "אַבְרָהָם שָׂמַח בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה" – אז אברהם אבינו האט זיך געפריידט מיט דער הייליגער תורה הק', און: "יִצְחָק שָׂמַח בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה" – און יצחק אבינו האט זיך אויך געפריידט מיט דער הייליגער תורה הק', און: "יַעֲקֹב שָׂמַח בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה" – און יעקב אבינו האט זיך אויך געפריידט מיט דער הייליגער תורה הק', און: "מֹשֶׁה אַהֲרֹן שָׂמַח בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה" – און משה רבינו און אהרן הכהן האבן זיך אויך געפריידט מיט דער הייליגער תורה הק', און: "אֵלִיָּהוּ שְׁמוּאֵל דָּוִד שְׁלֹמֹה שָׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה" – און אליהו הנביא און שמואל הנביא און דוד המלך און שלמה המלך האבן זיך אויך געפריידט מיט דער הייליגער תורה הק'.

און ממילא אויב אזוי.. ליגט דאך אויף אונז א פליכט נאך צו גיין זייערע הייליגע וועגן, און: "נָגִיל וְנָשִׂישׂ בְּזֹאת הַתּוֹרָה" – און לאמיר זיך אויך פרייען מיט די אמת'ע: "שִׂמְחָה" פון דער הייליגער תורה הק', ווייל דאס איז דאך די איינציג'סטע זאך וואס מאכט פריילעך א מענטש, אזוי ווי מיר ליינען דאך טאקע אלע א יעדן פורים אין די מגילה, אז: "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר", און חז"ל זאגן דאך אונז שוין,

אז: "אוֹרָה זוֹ תּוֹרָה" – אז די אמת'ע ליכטיג'קייט וואס א מענטש קען נאר דערגרייכן איז, דער הייליגער תורה הק'.

אבער לאמיר טאקע פארשטיין, פארוואס שטייט דיווארט: "אוֹרָה" גלייך לעבן די ווארט: "שִׂמְחָה"..?!
נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל די פסוק האט אונז געוואלט דא מגלה זיין, אז: "אוֹרָה" גייט צוזאמען מיט: "שִׂמְחָה", ווייל די איינציג'סטע זאך וואס קען פריילעך מאכן א מענטש איז, דער הייליגער תורה הק', און די הייליגע: "מִצְוַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא".

און בכלל.. ווי גליק'לעך דארף א מענטש זיין מיט דאס וואס ער האט זוכה געווען צו זיצן: "בְּאָהֳלָהּ שֶׁל תּוֹרָה", און ער האט זוכה געווען צו נהנה זיין פון די אמת'ע שמחת עולם וואס רופט זיך "שמחת התורה", עס איז דאך: "אֵין שִׂמְחָה כְּשִׂמְחַת הַתּוֹרָה", און אויף דעם דאנקען מיר דאך טאקע אלע דעם הייליגן באשעפער א יעדן טאג, און מיר זאגן דאך טאקע אלע א יעדן טאג ביים דאווענען אז: "בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים", און די ציל פון דעם איז געווען, אז: "וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת" – אז מיר האבן זוכה געווען צו מקבל זיין דער הייליגער תורה הק'.

און דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע אין זיין ספר תהלים, אז: "שִׂמְחוּ צַדִּיקִים בַּיהו-ה" – אז צדיקים פרייען זיך מיטן הייליגן באשעפער, און דאס איז פונקט גענוג פאר זיי, און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך, אז חז"ל זאגן אונז דאך, אז דער אייבערשטער האט זיך דאך באהאלטן אין דער הייליגער תורה הק', און ממילא קומט אויס פון דעם, אז ווען א יודיש קינד פריידט זיך מיט דער הייליגער תורה הק', דעמאלט'ס פריידט ער זיך מיט דעם הייליגן באשעפער אליין.

און דאס איז דאך די איינציג'סטע וועג ווי אזוי א יוד דארף דינען דעם אייבערשטן, ווייל דער אייבערשטער אליין זאגט דאך אונז שוין אין פרשת כי תבוא (קפיטל כ"ח פסוק מ"ז), אז די גאנצע תוכחה וועט נאר קומען אויף א מענטש ווען: "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת יהו-ה אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב" – ווען א מענטש וועט נישט דינען דעם אייבערשטן: "בְּשִׂמְחָה" – פרייליכערהייט אזוי ווי די פסוק זאגט אונז אז: "עִבְדוּ אֶת יהו-ה בְּשִׂמְחָה".

און עס איז דאך שוין באקאנט פאר א יעדעם איינעם וואס דער הייליגער אור החיים הק' שרייבט אין פרשת כי תבוא אויף דעם פסוק: "וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ יהו-ה אֱלֹקֶיךָ" וגו', וְזלה"ק: "וְגַם כִּי יִרְמֹז בְּמַאֲמַר בְּכָל הַטּוֹב עַל הַתּוֹרָה" – אז די ווערטער: "בְּכָל הַטּוֹב" – גייט דאך ארויף אויף דער הייליגער תורה הק', ווייל: "כְּאָמְרָם ז"ל אֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה" – ווייל חז"ל זאגן אונז דאך, אז: "אין טוב אלא תורה", שֶׁנֶּאֱמַר כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ, און פון דעם שטיקל אור החיים הק' קומט דאך אויס א מורא'דיגע זאך, אז עס איז דא א מצות עשה דאורייתא פון: "וְשָׂמַחְתָּ בְּכָל הַטּוֹב" – פון זיך פרייען מיט דער הייליגער תורה הק': "אֲשֶׁר נָתַן לְךָ יהו-ה אֱלֹקֶיךָ" – וואס דער הייליגער באשעפער האט דיר געגעבן.

און אזוי אויך ווערט געברענגט אין די ספרים הק', אז ווען א יוד לערנט תורה: "בְּשִׂמְחָה", דעמאלט'ס איז דאס גאר א גרויסע סגולה אז ער זאל נישט פארגעסן וואס ער האט געלערנט, און דאס זאגט דאך אונז שוין טאקע דוד המלך אין זיין ספר תהלים, אז: "בְּחֻקֹּתֶיךָ אֶשְׁתַּעֲשָׁע" – אז ווען איך וועל זיך: "מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ" זיין מיט דער הייליגער תורה הק', דאס מיינט צו זאגן, אז ווען מיין: "לִמּוּד הַתּוֹרָה" וועט זיין ביי מיר פאר א: "שַׁעֲשׁוּעַ וָנַחַת", דעמאלט'ס: "אָז לֹא יִשָּׁכַח דְּבָרֶיךָ" – דעמאלט'ס וועל איך שוין זיכער קיינמאל נישט פארגעסן מיין לערנען.

און ווען א מענטש איז: "בְּשִׂמְחָה", דעמאלט'ס קען ער דאך אסאך אסאך בעסער פארשטיין דער הייליגער תורה הק', ווייל עס ווערט דאך שוין געברענגט אין אלע ספרים הק', אז: "שִׂמְחָה" עפענט אויף די קאפ פון

א מענטש, און וועגן דעם טאקע פלעגן די חכמים שטענדיג אָן הייבן דעם שיעור מיט א: "מִלְּתָא דִּבְדִיחוּתָא" – מיט א גוט ווערטל, פארוואס..?! ווייל: "שִׂמְחָה" עפענט דאך אויף די: "שְׁבִילֵי הַהֲבָנָה".

און אין דעם הייליגן זוהר הק' ווערט געברענגט, אז איינער וואס איז "רגיל" אין תורה, פארמאגט אין זיך א: "שִׂמְחָה", און עס איז נישט דא קיין אויסנאם, ווייל א בן תורה פארמאגט אין זיך א אמת'ע: "שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה", אזוי שרייבט דער הייליגער זוהר הק'.

און דער הייליגער רמב"ם שרייבט דאך שוין טאקע אויך אין די סוף פון הלכות לולב, אז די: "שִׂמְחָה" וואס א יודיש קינד פריידט זיך בשעת ווען ער טוט דעם רצון השם יתברך איז א: "עֲבוֹדָה גְּדוֹלָה הִיא" – איז גאר א גרויסע עבודה, און: "וְכָל הַמּוֹנֵעַ עַצְמוֹ מִשִּׂמְחָה זוֹ" – און איינער וואס האלט זיך צוריק פון טוהן מצוות: "בְּשִׂמְחָה" איז: "רָאוּי לְהִפָּרַע מִמֶּנּוּ" – איז ראוי געשטראפט צו ווערן אויף דעם: "שֶׁנֶּאֱמַר תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת יהו-ה אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה" וְגוֹ'.

און דער הייליגער חיד"א שרייבט דאך שוין טאקע אויך אין זיין הייליגן ספר מורה באצבע (אות שכ"ז) בשם דעם הייליגן אר"י הקדוש, אז דער הייליגער אר"י הקדוש האט אמאל געזאגט, אז דאס וואס ער האט זוכה געווען צו: "הַשָּׂגַת חָכְמַת הָאֱמֶת וְהַשָּׂגַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ" איז נאר געווען: "בִּשְׁבִיל שֶׁהָיָה שָׂמֵחַ שִׂמְחָה רַבָּה בְּעָסְקוֹ בַּתּוֹרָה" – ווייל ער האט זיך גאר שטארק געפריידט בשעת וועו ער האט געלערנט די הייליגע תורה, און: "וּבְקַיְּמוֹ שׁוּם מִצְוָה" – און ווען ער האט מקיים געווען א מצוה פון דער הייליגער תורה הק'.

און דער הייליגער מאירי שרייבט דאך טאקע א מורא'דיגע לשון לגבי דעם ענין, ווייל די מאירי שרייבט דאך אין מסכת שבת (דף: ל' עמוד ב') בזה הלשון, אז: "אַף עַל פִּי שֶׁרָאוּי לוֹ לָאָדָם לַעֲמֹד נִכְנָע וּשְׁפַל רוּחַ" – אז אפילו עס איז פאסיג פאר א מענטש שטענדיג צו שטיין אויף א אופן פון הכנעה און אויף א אופן פון א שפל רוח, אף על פי כן: "רָאוּי לוֹ לְהַעֲמִיד עַצְמוֹ בְּשִׂמְחָה לְקַיֵּם מִצְוֹתָיו" – אפילו אזוי זאל ער זיך אוועק שטעלן מיט א שטארקייט און מיט א שטאלצ'קייט און מיט א: "שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה" ווען ער גייט מקיים זיין א מצוה.

און בכלל.. דארף מען דאך וויסן, אז די מדה פון: "שִׂמְחָה" איז נישט סתם עפעס א מצוה, נאר דאס איז מסוגל פאר גאר אסאך גוטע זאכן, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין אין די ספרים הק', אז: "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ" – אז דורך: "שִׂמְחָה" קען א מענטש זוכה זיין ארויס צו קריכען פון זיינע אלע צרות, און ממילא וועגן דעם דארף טאקע א יעדע יודיש קינד ארבעטן אויף דעם מדה פון: "שִׂמְחָה", ווייל אויב א מענטש פראבירט נאר צו שמייכלען אפילו ווען עס גייט איהם שווער, דעמאלט'ס וועט איהם דער אייבערשטער העלפן אז ער וועט טאקע קענען ארויס קריכען פון זיין ענג'ן מצב, און ער וועט סוף כל סוף טאקע האבן אויף וואס צו שמייכלען.

און וועגן דעם טאקע האט דער הייליגער תנא ר' ישמעאל געזאגט אין די משנה אין אבות, אז: "הֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה" – אז א יעדע יוד זאל שטענדיג זעהן אויף צו נעמען א יעדעם איינעם פרייליכערהייט, ווייל.. יא, א ארויף געקלעבט'ע שמייכל איז אויך עפעס ווערד, און עס איז שוין איינמאל עפעס ווערד, ווייל דאס וועט דיר דאך בעזרת השם יתברך טאקע ארויס נעמען פון דיין ענגשאפט.

און עס זאגט זיך טאקע גרינג, אז יא.. מען דארף זיין: "בְּשִׂמְחָה", אבער ווי אזוי קען מען טאקע צו קומען צו זיין שטענדיג: "בְּשִׂמְחָה" אין א יעדן מצב וואו מען זאל נאר זיין..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז עס איז דא כל מיני עצות אויף דעם, אבער איינער פון די עצות אויף דעם איז, צו גיין שטענדיג אין מקוה, ווייל עס ווערט דאך געברענגט אין דעם ספר הקדוש "ספר המדות" פון דעם הייליגן **נ**חל **נ**ובע **מ**קור **ח**כמה רבי נחמן מברסלב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אז "מקוה" נעמט אוועק דינים פון א מענטש, און "מקוה" איז א סגולה פאר: "שִׂמְחָה", און דורך דעם וואס א מענטש גייט אין "מקוה", נעמט ער אראפ פון זיך אלע דינים און אלע: "צָרוֹת יָגוֹן וַאֲנָחוֹת" וואס עס גייט נאר אריבער אויף איהם.

און ווען א מענטש זעהט אז עס גייט אויף איהם אריבער גאר שווערע תקופות, דעמאלט'ס זאל ער זיך גיין טובל'ן אין מקוה, און אזוי וועט ער זוכה זיין פטור צו ווערן פון אלע זיינע: "צָרוֹת יָגוֹן וַאֲנָחוֹת", און די ווערטער: "וְהָסֵר מִמֶּנוּ יָגוֹן וַאֲנָחָה" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "מִקְוֵה מְשַׁנֶּה" – אז: "מִקְוֵה" טוישט דאך א מענטש אינגאנצן, און איינמאל א מענטש טובל'ט זיך אין: "מִקְוֵה", ווערט ער דאך שוין דעמאלט'ס גלייך: "כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד דָּמִי", און די ספרים הק' זאגן דאך אונז שוין טאקע אויך בפירוש, אז די סיבה פארוואס מען ווערט אין: "מִקְוֵה כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד דָּמִי" איז, ווייל ווען א מענטש בייגט זיך אראפ דעם קאפ אונטער די וואסער פון א: "מִקְוֵה", קען ער דאך נישט אטעמען דעמאלט'ס, ווייל א מענטש קען דאך נישט לעבן אונטער די וואסער על פי דרך הטבע, און וויבאלד א מענטש קען דאך טאקע נישט לעבן אונטער די וואסער על פי דרך הטבע, ממילא וועגן דעם פארלירן איהם דעמאלט'ס אלע קליפות און מזיקים וואס האלטן איהם און איין נאך לויפן, און זיי לאזן איהם דעמאלט'ס גלייך אפ, ווייל זיי האבן דאך איהם דא פלוצלונג פארלוירן.

און ממילא וועגן דעם ווערט א מענטש גלייך ווען ער קומט ארויס פון: "מִקְוֵה כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד דָּמִי", ווייל די קליפות און מזיקים וואס האלטן איהם און איין נאך לויפן קענען דאך איהם נישט נאך לויפן אונטער די וואסער פון א: "מִקְוֵה", און ממילא וועגן דעם באקומט דעמאלט'ס דער מענטש אויף זיך א נייע רוח פון "קדושה וטהרה", און איינמאל דער מענטש האט דאך שוין אויף זיך א רוח פון "קדושה וטהרה", ווערט דאך איהם שוין דעמאלט'ס אסאך אסאך גרינגער צו דינען דעם אייבערשטן מיט א: "אֱמֶת" און מיט א: "שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה", ווייל אלע קליפות און מזיקים האבן זיך דאך שוין אפ געריסן פון איהם דורך דעם וואס ער איז געגאנגען אין: "מִקְוֵה".

און חז"ל זאגן דאך אונז שוין טאקע אויך, אז די גרעסטע "סגולה" געהאלפן צו ווערן פון א צרה איז, דורך דעם וואס א יודיש קינד גייט אין: "מִקְוֵה", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין ירמיה הנביא (קפיטל י"ד פסוק ח') אז: "מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל" – אז דורך דעם וואס א יודיש קינד גייט אין: "מִקְוֵה", העלפט דאס איהם דעמאלט'ס אז: "מוֹשִׁיעוֹ בְּעֵת צָרָה" – העלפט דאס איהם דעמאלט'ס אז ער וועט געהאלפן ווערן דורך דעם פון א יעדע סארט צרה וואס עס איז נאר דא אויף דער וועלט, עד כדי כך.. איז די גרויס'קייט פון א: "מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל".

און יא ר' יוד, דו ווייסט פארוואס א: "מִקְוֵה" האט א כח צו מאכן דעם: "וְהָסֵר מִמֶּנוּ יָגוֹן וַאֲנָחָה" פון סיי ווערמען..?! איך וועל דיר זאגן פארוואס, ווייל: "מִקְוֵה מְשַׁנֶּה" – ווייל: "מִקְוֵה" טוישט דאך אינגאנצן א מענטש, און איינמאל א מענטש טובל'ט זיך אין: "מִקְוֵה", ווערט ער דאך דעמאלט'ס גלייך: "כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד דָּמִי", און יא טייערע יודן, די מציאות איז, אז: "מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל מוֹשִׁיעוֹ בְּעֵת צָרָה".

און דער הייליגער **נ**חל **נ**ובע **מ**קור **ח**כמה רבי נחמן מברסלב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט דאך אונז שוין טאקע צו געזאגט א מורא'דיגע "הבטחה", אז א יעדע מענטש וואס וועט גיין אין "מקוה", וועט סוף כל סוף האבן א "תקוה" – א האפענונג, און די סיבה פון דעם איז דאך [לכאורה] גאר פשוט, ווייל מיר ווייסן דאך אלע, אז מקוה ברענגט דאך "קדושה" – הייליג'קייט, און "קדושה" ברענגט דאך צו "צדקות", און א צדיק לעבט דאך מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" כל ימי חייו, [אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין חבקוק הנביא (קפיטל ב' פסוק ד'), אז: "וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה" – אז א צדיק לעבט מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", און: וְצַדִּיק "בֶּאֱמוּנָתוֹ" יִחְיֶה – און א צדיק לעבט "אין" זיין "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", און א צדיק קאכט זיך דאך שטענדיג ארום מיט זיין הייליגע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", און דורך דעם לעבט ער], און: "אֱמוּנָה" מיט: "בִּטָחוֹן" גייט דאך צוזאמען כידוע, ווייל דאס איז דאך די **אל**"ף **בי**"ת פון א יודיש קינד.

און ממילא דאס מיינט די ווערטער אז א יעדע מענטש וואס וועט גיין אין "מקוה" וועט סוף כל סוף האבן א "תקוה", אז דורך די "מקוה" וועט ער קענען צו קומען צו לעבן מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער, און די ווארט: "מִקְוֶה" – איז דאך טאקע גימטריא: "קַוֵּה לִי", ווייל דורך דעם וואס א מענטש גייט אין מקוה קען ער טאקע זוכה זיין צו לעבן מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער.

און דאס איז דאך טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק אין פרשת שמות, ווייל אין פרשת שמות שטייט דאך, אז: "וַיֹּאמֶר יהו-ה אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל אַהֲרֹן קַח מַטְּךָ וּנְטֵה יָדְךָ עַל מֵימֵי מִצְרַיִם" – אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל זאגן פאר אהרן הכהן אז ער זאל לייגן זיין האנט אויף אלע וואסער'ן פון גאנץ מצרים, און דארטן ווערט דאך אויך דערמאנט דעם ענין פון "מקוה", ווייל די פסוק זאגט דאך דארטן דעם לשון, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו [אז ער זאל זאגן פאר אהרן הכהן] אז ער זאל אויך לייגן זיין האנט אויף: "וְעַל כָּל מִקְוֵה מֵימֵיהֶם" – אויף אלע פלעצער וואו עס קומען זיך צוזאמען וואסער'ן, און די סופי תיבות פון די ווערטער: "**וְעַל כָּל** מִקְוֵ**ה** מֵימֵיהֶ**ם**" – איז דאך גימטריא: "אֱמוּנָה בָּא", ווייל.. יא, דורך "מקוה" קען מען זוכה זיין צו צו קומען צו לעבן מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", און דורך "מקוה" קען מען זוכה זיין צו צו קומען צו לעבן מיט "אֱמוּנָה" אין השגחה פרטיות בכל רגע ורגע.

און די ווארט: "מִקְוֶה" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "מ"ט אֱמוּנָה", ווייל.. יא, אפילו ווען א מענטש געפונט זיך ח"ו אין די מ"ט שערי טומאה רח"ל, קען ער מיט א טבילה אין א מקוה ארויס קריכען פון זיין פלאנטער, און מיט איין טבילה אין א מקוה קען ער נאך אמאל זוכה זיין צו לעבן מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", און מיט איין טבילה אין א מקוה קען ער נאך אמאל זוכה זיין צו לעבן מיט "אֱמוּנָה" אין השגחה פרטיות (וואס איז איהם ליידער אפ געשוואכט געווארן דורך זיינע מעשים).

אבער לאמיר צוריק גיין צו דאס וואס מיר האבן אָן געהויבן, ווייל מיר האבן דאך אָן געהויבן מיט דעם ענין אז א מענטש דארף זיך שטענדיג פראבירן צו באנייען אין תורה ועבודת השם יתברך, און א מענטש דארף זיך שטענדיג פראבירן צו מאכן א נייע התחלה מיט א נייע: "הִתְחַדְּשׁוּת", און ממשיך זיין צו דינען דעם הייליגן באשעפער מתוך: "שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה".

און נאך מער קען מען צו לייגן צו דעם על פי דאס וואס עס שטייט פון צדיקים אז דער אייבערשטער וויל זעהן איין זאך פון א יוד, ער וויל זעהן דיין "רצון" – ער וויל זעהן ווי אזוי דו ווילס'ט דעם אייבערשטן, און פארשטייט זיך, אז דאס מיינט נישט סתם אזוי אז א מענטש זאגט אז איך וויל דעם אייבערשטן, נאר דאס מיינט צו זאגן, אז א מענטש טוט עפעס פאר דעם – ער טוט "פעולות" צו ווייזן פארן אייבערשטן אז איך וויל דיר.

און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז ער זוכט דעם אייבערשטן, ער פראבירט אזוי, אבער דער יצר הרע כאפט איהם ווייטער אריין אין זיין נעץ, און נאך דעם פראבירט ער פון די צווייטע זייט, אבער דער יצר הרע כאפט איהם ווייטער אריין אין זיין נעץ, און דאס איז דאך בכלל נישט קיין חידוש, ווייל דאס איז דאך דער יצר הרע, דער יצר הרע איז דאך דא כדי דיר אראפ צוווארפן, אבער וואס ליגט באהאלטן אין דעם קריגערייַ פון דעם יצר הרע מיט דעם מענטש..?! דער הייליגער באשעפער, ווייל דער מענטש זוכט דאך א וועג ווי אזוי אָן צו קומען צום הייליגן באשעפער, אבער דער יצר הרע שטערט דאך איהם כסדר, און ער לאזט דאך איהם נישט צו קומען צום הייליגן באשעפער, און דער אייבערשטער וויל זעהן ווי אזוי דער יוד שרייט אויס אז: "רְצוֹנֵנוּ לִרְאוֹת אֶת מַלְכֵּנוּ" – אז איך וויל זעהן דעם הייליגן באשעפער – אז איך וויל זיין נאנט צום הייליגן באשעפער.

ווייל דאס וויל דער אייבערשטער פון א מענטש, דער אייבערשטער וויל זעהן די: "רָצוֹן" פון א מענטש, און דער אייבערשטער וויל זעהן ווי אזוי א מענטש איז "משתוקק" צו טוהן דעם: "רָצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ

הוא", און דער אייבערשטער וויל זעהן ווי אזוי א מענטש וויל טוהן דעם: "רְצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא", און ווען דער אייבערשטער זעהט דעם רצון פון א מענטש, דעמאלט'ס באקומט ער גאר א גרויסע ליבשאפט צו דעם מענטש, ווייל מיר ווייסן דאך אלע, אז: "רחמנא ליבא בעי" – אז דער אייבערשטער וויל דאך נאר די הארץ פון א יוד מיט דעם גוט'ן רצון וואס ליגט באהאלטן אינעווייניג.

און אזוי אויך ווייסן מיר דאך שוין אלע וואס עס שטייט אין די ספרים הק', אז דורך א ניגון קען א מענטש ארויס ברענגען זיין השתוקקות צום אייבערשטן, אזוי ווי מיר זעהען דאך שוין טאקע אין ספר תהלים ווי אזוי דוד המלך געבט אונז צו פארשטיין דעם גרויסן כח פון כח הנגינה, און ווי אזוי דאס ברענגט ארויס די געפילן פון דעם הארץ מיט א מורא'דיגע שטארקייט.

ווייל וואס טוט א יוד ווען ער טרעפט זיך אמאל אין א צובראכענ'ע מצב..?! אין הכי נמי ער האט טאקע נישט געוואלט דארט זיין, אבער.. עס האט פאסירט, וואס איז דעמאלט'ס די עצה..?!

זאגט אונז וועגן דעם דוד המלך אין זיין ספר תהלים גאר א גוטע עצה פאר דעם, און דוד המלך זאגט אונז אזוי אין ספר תהלים, אז: "יוֹמָם" – אז ווען עס איז דיר ליכטיג, דעמאלט'ס זאלסטו (גוט געדענקען און קלאר) וויסן אז דאס איז ווייל: "יְצַוֶּה יהו-ה חַסְדּוֹ" – ווייל דער אייבערשטער האט געשיקט זיין חסד אויף דיר, אבער: "וּבַלַּיְלָה" – אבער ווען עס איז דיר טונקל ווי די נאכט, דעמאלט'ס זאלסטו טוהן די עצה פון: "שִׁירֹה עִמִּי" – צו זינגען פארן כבוד פון דעם אייבערשטן צוזאמען מיט א: "תְּפִלָּה לְאֵ-ל חַיָּי" – צוזאמען מיט א תפילה צום הייליגן באשעפער, און דאס וועט דיר העלפן ארויס גיין פון דיין פינסטער'קייט, ווייל ווען דער הייליגער באשעפער וועט זעהן דיין "השתוקקות" וואס דו האסט אין הארץ, דעמאלט'ס וועט ער דיר גאר שנעל באפרייען פון דיין צער און פון דיין עגמת נפש.

און דער הייליגער חתם סופר זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל (וואס איז געווען דער שר צבא יהו-ה אויף דער הייליגער תורה הק') האט אמאל געזאגט, אז ער איז גרייט אוועק צו געבן א העלפט פון זיין תורה וואס ער האט געלערנט דורך אויס זיין גאנץ לעבן אבי.. אז איינער זאל איהם געבן א חלק פון "כח הנגינה", (אפילו נאר א קליין חלק), ווייל א ניגון האט דאך גאר א געוואלדיג'ן כח ארויס צו ברענגען א געפיל פון א מענטש צו א געוויסע זאך.

און ממילא ווען א מענטש ווייזט פארן הייליגן באשעפער אז ער וויל זיין נאנט צו איהם, דעמאלט'ס בויעט ער אויף זיין קשר מיטן אייבערשטן שטערקער און שטערקער, און איינער פון די וועגן ווי אזוי א מענטש קען זיך אויס גיסן זיין הארץ צום אייבערשטן איז, דורך א "ניגון".

אזוי ווי מען זעהט דאך שוין טאקע אין ספר תהלים ווי אזוי דער הייליגער נעים זמירות ישראל "דוד המלך" גיסט זיך אויס זיין הארץ צום הייליגן באשעפער, און ער זינגט זיך אזעלכע ווארימ'ע מזמורים פארן הייליגן באשעפער, און ער זינגט זיך צום אייבערשטן דעם: "תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי יהו-ה יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ", ווייל דורך א ניגון קען זיך א מענטש בעסער אויס גיסן דאס הארץ צום אייבערשטן, און דוד המלך געבט אונז צו פארשטיין דעם גרויסן כח פון "כח הנגינה", און ווי אזוי דאס ברענגט ארויס די געפילן פון דעם הארץ מיט א מורא'דיגע שטארקייט.

און בשעת ווען א יוד זינגט שירות ותשבחות פארן אייבערשטן, באקומט ער דעמאלט'ס א מורא'דיגע: "קִרְבַת אֱלֹקִים", און זיינע ווערטער באקומען דעמאלט'ס א מורא'דיגע חן ביים אייבערשטן, אזוי ווי דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע אין זיין ספר תהלים, אז: "אָשִׁירָה" לַיהו-ה בְּחַיָּי "אֲזַמְּרָה" לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי – אז איך וועל זינגען צום הייליגן באשעפער אין מיין לעבן, ווייל אויב איך וועל אזוי טוהן, דעמאלט'ס וועט זיין: "יֶעֱרַב עָלָיו שִׂיחִי" – דעמאלט'ס וועט מיין שמועס זיס ווערן ביי דעם הייליגן באשעפער.

און אויב: "שִׁירוּ לוֹ" – און אויב מיר וועלן זינגען זמירות שירות ותשבחות פארן הייליגן באשעפער, דעמאלט'ס וועלן מיר שפעטער קענען זוכה זיין מקיים צו זיין דעם צווייטן האלב פון דעם פסוק, און:

"שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו" – און מיר וועלן שפעטער קענען רעדן פון די אלע: "נִסִּים וְנִפְלָאוֹת" וואס מיר האבן זוכה געווען צו זעהן דורך דעם הייליגן עבודה פון "עבודת הנגינה".

ווייל ווען א יוד זינגט צום הייליגן באשעפער, דעמאלט'ס איז דאס אסאך אסאך מער נושא חן ביים הייליגן באשעפער ווי סתם ווערטער, און אויב עס איז אסאך אסאך מער נושא חן.. דעמאלט'ס קען מען דאך אסאך אסאך מער פועל'ן מיט דעם, און די ווארט: "שִׁירָה" – איז דאך טאקע גימטריא: "וָאֶתְחַנַּן", ווייל דורך "שירה וזמרה" קען א מענטש אסאך אסאך מער אויס פועל'ן אויבן אין הימל ווי פשוט'ע ווערטער, און מיט איין ווארימ'ע ערליכע ניגון פון א יוד, קען מען פועל'ן וואס א צדיק קען פועל'ן נאכן מתפלל זיין פאר א לענגער'ע צייט, און די ווארט: "נִגּוּנִים" – איז דאך טאקע גימטריא: "קָטָן", ווייל.. יא, מיט א קליינעם ליד'ל קען א מענטש מער אויס פועל'ן ווי גרויסע תפילות און בקשות.

און א ניגון איז דאך: "מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר" די גאנצע נפש פון א מענטש, און די ווארט: "זֶמֶר" – איז דאך טאקע גימטריא: רְמַ"ח [מיטן כולל] – אנטקעגן די רְמַ"ח איברים פון א מענטש, ווייל.. יא, א ניגון איז דאך: "מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר" די גאנצע נפש פון א מענטש, ווייל די "השתוקקות" וואס א מענטש האט בשעת'ן זינגען, נעמט דאך ארום די גאנצע נפש רוח ונשמה פון דעם מענטש.

און ווי לאנג א מענטש שפירט נאך א צער אז ער האט נאך נישט זוכה געווען צו קיין: "הִתְחַדְּשׁוּת", דעמאלט'ס איז שוין גוט, ווייל ער ווייסט דאך כאטשיג דעמאלט'ס אז א יוד דארף פראבירן צו דערגרייכן: "הִתְחַדְּשׁוּת", און בכלל.. די עצם זאך אז ער וויל זיין נאנט צום אייבערשטן איז דאך שוין גאר א גרויסע הצלחה, ווייל א יוד דארף דאך שטענדיג געדענקען, אז די עבודה אליין איז שוין אויך א הצלחה, ווייל דאס אליין אז א יוד וויל זיין נאנט צום אייבערשטן, און ער טוט פעולות כדי צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, דאס אליין איז שוין אויך א הצלחה.

און עס ווערט דאך שוין טאקע געברענגט פון איינער פון די תלמידי בעל שם טוב הק' אז די עצם מציאות אז א מענטש זוכט דעם אייבערשטן און ער זאגט: "אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ", דאס אליין איז דאך שוין גאר א גרויסע הצלחה, און דאס אליין האט דאך שוין גאר א גרויסע "חביבות" ביים אייבערשטן.

און דורך דעם וואס מיר וועלן אָן גיין מיט אונזערע הייליגע עבודות, און מיר וועלן זיך נישט לאזן פון דעם יצר הרע וואס פראבירט אראפ צו קלאפן דעם מענטש אין א: "יֵאוּשׁ", נאר מיר וועלן פראבירן אויף צו זוכן דעם הייליגן באשעפער וואס איז א: "מַשְׁגִּיחַ מִן הַחֲלֹנוֹת" און א: "מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים", וועלן מיר בעזרת השם יתברך זוכה זיין סוף כל סוף צו: "וְחֵפֶץ יהו-ה" – אז אויב א מען וויל דעם אייבערשטן, דעמאלט'ס: "בְּיָדֵינוּ יַצְלִיחַ" – דעמאלט'ס וועלן מיר טאקע סוף כל סוף מצליח זיין, און מיר וועלן קענען מנצח זיין דעם יצר הרע, ווייל די עיקר איז, אז א מענטש זאל זיך פראבירן צו דער נענטער'ן צום הייליגן באשעפער.

און כדי צו קענען זוכה זיין צו די הייליגע תורה, דעמאלט'ס מוז דאך אויך זיין: "לָצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ" – מוז מען דאך אויך ארויס גיין פון די "ארציות" און פון די "גשמיות" און פון די הבלי עולם הזה, ווייל ווי לאנג א מענטש ליגט אין די תאות עולם הזה, דעמאלט'ס קען ער נישט זוכה זיין צו תורה, ווייל די תאות עולם הזה שלעפט דאך אוועק א מענטש פון דער הייליגער תורה הק', און דאס לאזט דאך איהם פשוט נישט לערנען, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע אין פסוק, אז: "וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט".

ווייל כדי צו קענען לערנען, דארף מען צו בינדן דאס הארץ צו דער הייליגער תורה הק' וואס איז נצחיות און חיי עולם, און אפ לאזן די ארציות און די גשמיות וואס זענען הבל הבלים און חיי שעה.

און איינמאל מען האט שוין אפ געלאזט די אלע ארציות און גשמיות, און מען שוין האט א שימת לב צו א דבר שבקדושה, דעמאלט'ס קען מען שוין צו קומען צו: "בַּיּוֹם הַזֶּה" – צו שפירן א: "הִתְחַדְּשׁוּת" אין דער הייליגער תורה הק', און אז: "שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאילו היום נתנו", ווייל איינמאל א מענטש

לאזט אפ די גשמיות, און ער איז מייחד זיין הארץ צו דער הייליגער תורה הק', דעמאלט'ס קען ער טאקע זוכה זיין צו דעם: "בַּיּוֹם הַזֶּה" – צו דעם: "שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאילו היום נתנו".

און איינמאל א מענטש איז זוכה צו שפירן דער הייליגער תורה הק' ווי נייע זאך: "כאילו היום נתנו", דעמאלט'ס איז ער דאך אטאמאטיש אויך זוכה אריין צו נעמען אין זיך א שטיק אלקות, אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע מרומז אין די ווערטער פון רש"י הק', ווייל רש"י הק' זאגט דאך אונז, אז: "מהו ביום" – אז ווי אזוי קען א מענטש צו קומען צו אריין נעמען אין זיך דעם גרויסן אור פון דער הייליגער תורה הק'..?! דאס איז דורך: "הזה שיהיו דברי תורה" וגו', וואס די ווערטער: "**הזה** שיהי**ו** דברי תור**ה**" – איז דאך סופי תיבות: "יהו-ה", ווייל ווי אזוי קען א מענטש זוכה זיין צו שפירן דעם: "ביום הזה" – דעם: "הִתְחַדְּשׁוּת" אין דער הייליגער תורה הק'..?! די תירוץ אויף דעם איז, דורך דעם וואס ער לאזט זיך אפ פון אלע גשמיות'דיגע הבלי עולם הזה, און ער איז מקבל דער הייליגער תורה הק' בשמחה ובטוב לבב, ווייל דעמאלט'ס קען ער טאקע זוכה זיין אריין צו נעמען אין זיך "אלקות", און דעמאלט'ס קען ער טאקע זוכה זיין צו שפירן א אמת'ע "אור" דורך די תורה, ווייל די אלע הבלי עולם הזה וועלן דאך איהם מער נישט שטערן פון זיין עבודה, און דורך דעם וואס א מענטש איז זוכה צו מקבל זיין דער הייליגער תורה הק' אויפן ריכטיג'ן וועג פון: "כאילו היום נתנו", דעמאלט'ס איז ער זוכה צו באקומען די צוויי קרוינען פון "כתר תורה" וואס איז מקשר דעם מענטש מיט דער הייליגער תורה הק':

בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי: רש"י הק' זאגט, אז: "שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאילו היום נתנו", און עס איז כדי צו דערמאנען, אז עס שטייט אין חז"ל, אז: כל יום ויום יהיה בעיניך "כחדשים", און דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט אמאל געזאגט, אז די ווארט: "כחדשים" מיינט צו זאגן, אז א יעדע יוד דארף א יעדן טאג שפירן אז היינט איז א נייע וועלט, און נעכטן איז נאך בכלל נאך נישט געווען קיין תורה אויף דער וועלט, און א מענטש דארף טראכטן, אז אויב נעכטן איז דאך נאך בכלל נישט געווען קיין תורה אויף דער וועלט, דעמאלט'ס פארוואס זאגסטו אז איך בין אליידיגייער..?! נעכטן איז דאך נאך אפילו נישט געווען קיין תורה..?! און דאס מיינט די מאמר חז"ל פון: "כל יום ויום יהיה בעיניך כחדשים" לפי דעת קדשו של השר שלום מבעלזא זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

אבער לכאורה איז שווער א מורא'דיגע קשיא, ווייל מען וואלט דאך געדארפט זאגן דעם: "בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי" אז: "כל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים".. אויף ו' סיון אדער אויף ז' סיון – אויף די טאג וואס עס איז געגעבן געווארן די תורה – אז דעמאלט'ס דארף זיך א מענטש באנייען מיט: "לִמּוּד הַתּוֹרָה", וואס האט עס אבער מיט ראש חודש..?! ראש חודש איז: "יהיו בעיניך כחדשים"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז.. יא, עס האט דוקא צו טוהן מיט "ראש חודש", ווייל ווען עס איז אָן געקומען דעם טאג פון מתן תורה אליין, איז דאך נישט געווען שייך די ענין פון: "כל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים", ווייל ווען עס איז געקומען צו מתן תורה, האט דאך דער אייבערשטער געגעבן די תורה פאר די יודישע קינדער, און דאס איז עס.

אבער דער אייבערשטער האט דאך געוואלט, אז דיין אייגענ'ע רצון זאל דיר ברענען צו די זאך, און דער אייבערשטער האט דאך געוואלט אז דו זאלסט מאכן א "הכנה" צו: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", און דו זאלסט מיט דיין אייגענ'ע רצון וועלן זיין גוט א יעדן טאג פון דאס ניי, דאס האט דער אייבערשטער געוואלט, ער האט געוואלט זעהן ווי אזוי דו וועסט זיך אויס קאכן פון "ראש חודש" און זיך צו גרייטן צו דעם מעמד פון: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", און ארויס ווייזן דיין רצון צו די הייליגע תורה.

און די ווארט: "רָצוֹן" – איז דאך די זעלבע אותיות ווי די ווארט: "צִנּוֹר", ווייל דורך די "רצון" פון א מענטש, בויעט ער אויף א: "צִנּוֹר" (א פֵּייפּ) פון זיך ביז צום אייבערשטן, און דורך דעם העלפט איהם דער אייבערשטער צו פון אויבן אָן צו קומען צו איהם.

און מיר ווייסן דאך אויך, אז א: "צִנּוֹר" קען מען נאר נוצן פאר איין זאך, ווייל עס האט דאך נאר איין לאך פון איין זייט, און איין לאך פון די אנדערע זייט, און ממילא קען מען דאס נישט נוצן פאר צוויי זאכן, נאר מען מוז דאס מייחד זיין פאר איין זאך.

און ממילא די זעלבע זאך איז מיט די "רצון" פון א יוד, ווייל א יוד דארף מייחד זיין די רצון זיינע פאר איין זאך: "לעבודתו יתברך שמו", און דאס איז דאך טאקע אונזער בקשה וואס מיר בעטן פון דעם הייליגן באשעפער א יעדן טאג, אז: "וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ" – אז דער הייליגער באשעפער זאל באשטימען אונזער הארץ פאר איין זאך, און דאס איז: "לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ".

ווייל.. ניין, מען קען נישט הנאה האבן פון די וועלט, און אין די זעלבע צייט ענדיגן כל התורה כולה, נאר.. מען דארף עס צו טיילן אויף צוויי, ווייל א יוד מעג הנאה האבן פון א גוטע סעודה, נאר ער דארף פראבירן צו עסן: "לְשֵׁם שָׁמַיִם", און ער דארף געדענקען בשעת'ן עסן, אז די אלע גשמיות איז: "הכל הבל אין בו ממש", ווייל דאס איז דאך די אמת.

אבער וויבאלד א מענטש דארף דאך קענען האבן כח צו לערנען און דאווענען, ממילא וועגן דעם מוז ער עסן און טרינקען, און נישט סתם עסן, נאר ער דארף גוט עסן, ווייל אויב ער איז א מענטש וואס דארף זעטיגן זיין גאנצע גוף כדי צו קענען לערנען, דעמאלט'ס מוז ער דאס טוהן, ווייל אָן דעם וועט ער דאך נישט קענען לערנען און דאווענען און דינען דעם אייבערשטן, און נישט נאר דעם, נאר זיין אכילה ווערט אויך א "אכילה של מצוה", ווייל עס איז דאך א פשוט'ע "חפץ של מצוה", ווייל דורך דעם וואס ער עסט, וועט ער דאך קענען זיצן און לערנען מיט הרחבת הדעת א גאנצן טאג, און דינען דעם אייבערשטן מיט א קלאר'ע רואיג'ע קאפ:

וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים וַיָּבֹאוּ מִדְבַּר סִינַי וַיַּחֲנוּ בַּמִּדְבָּר וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר: רש"י הק' זאגט, אז בשעת ווען די יודישע קינדער האבן געררועט ביי דעם בארג סיני דעמאלט'ס איז דאס געווען: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", און עס איז טאקע כדי צו דערמאנען ביי דעם געלעגנהייט, אז עס ווערט דאך שוין געברענגט אין חז"ל, אז דורך: "לִמּוּד הַתּוֹרָה" קען מען זוכה זיין מכניע צו זיין דעם "יצר הרע", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", און חז"ל זאגן דאך אונז שוין, אז: "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ" – אז אויב זענט איר עוסק אין דער הייליגער תורה הק', דעמאלט'ס וועט איר נישט ווערן איבער געגעבן אין די הענט פון דעם יצר הרע, ווייל די תורה איז מכניע דעם יצר הרע.

און אזוי אויך שטייט אין די ספרים הק', אז "כח האחדות" איז אויך גאר א שטארקע פייל אנטקעגן דעם יצר הרע, ווייל די יצר הרע איז דאך: "וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים" – וואס איז געווען מיט מחלוקת, אזוי ווי רש"י הק' זאגט דאך שוין בפירוש, אז: "שאר כל החניות בתרעומות ובמחלוקת" – אז די אלע אנדערע מסעות פאר רפידים איז געווען במחלוקת, און די יצר הרע איז דאך די "מקור" פון מחלוקת כידוע.

און ווען די יודישע קינדער זענען אָן געקומען צו מדבר סיני, האבן די יודישע קינדער תשובה געטוהן, און זיי זענען צוריק געווארן: "בְּאַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד".

און אזוי אויך שטייט אין חז"ל, אז משיח וועט נאר קענען קומען ווען יודישע קינדער וועלן זיך האלטן: "בְּאַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", און זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן, און ווען משיח וועט קומען, וועט מען טאקע אויך שעכט'ן דעם יצר הרע, ווייל די צוויי זאכן גייט דאך נישט צוזאמען, ווייל דער יצר הרע איז דאך פארקערט פון: "אַחְדוּת", און די יצר הרע לעבט דאך נאר פון קריגערייי און מחלוקת.

און ממילא ווען א מענטש נעמט דיביידע כוחות פון "תורה" מיט: "אַחְדוּת", און ער שטעלט דאס צוזאמען, דעמאלט'ס איז דאס גאר א שטארקע שפיז אנטקעגן דעם יצר הרע, ווייל דער יצר הרע איז דאך פונקט פארקערט פון די ביידע זאכן, דער יצר הרע איז דאך פארקערט פון תורה, אזוי ווי עס שטייט שוין

אין די גמרא, אז: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", און דער יצר הרע איז דאך אויך פארקערט פון: "אַחְדוּת", אזוי ווי עס שטייט שוין אין פסוק, אז: "וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים" – אז די יודישע קינדער האבן זיך אוועק געצויגן פון די יצר הרע פון מחלוקת, און זיי זענען צוריק געווארן: "בְּאַחְדוּת", און ווען א מענטש נוצט די ביידע זאכן אנטקעגן די יצר הרע, דעמאלט'ס קען ער גאר שנעל זוכה זיין צו מנצח דעם יצר הרע.

און דאס איז טאקע מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל" וגו', ווייל די ווערטער: "וַיִּחַן **שָׁם** יִשְׂרָאֵל **נֶגֶד הָהָר**" – איז דאך ראשי תיבות: י' שׂוֹנֶה, ווייל ווען א יוד שטעלט צוזאם די ביידע זאכן – "תורה" מיט: "אַחְדוּת", און ער לערנט א: "תּוֹרָה שֶׁל חֶסֶד", דעמאלט'ס קען ער גאר שנעל זוכה זיין זיך צו האלטן: "נֶגֶד הָהָר" – אנטקעגן זיין יצר הרע וואס ווערט אָן גערופן "הר", [אזוי ווי עס שטייט דאך שוין אין חז"ל, אז ווען משיח וועט קומען, וועט די יצר הרע אויס זעהן פאר די צדיקים אזוי ווי א גרויסע בארג, און זיי וועלן זיך וואונדער'ן, ווי אזוי האבן מיר איהם געקענט ביי קומען..?! ער איז דאך אזוי גרויס..?! און פאר די רשעים וועט ער אויס זעהן ווי א קליינע הָאר, און די רשעים וועלן זיך וואונדער'ן, ווי אזוי האבן מיר איהם נישט געקענט ביי קומען..?! ער איז דאך אזוי קליין..?!], אבער על כל פנים.. זעהט מען דאך פון דעם די געוואלדיגע גרויסע כח וואס א יודיש קינד פארמאגט ווען ער איז זוכה צו לערנען א: "תּוֹרָה שֶׁל חֶסֶד", עד כדי כך, אז ער איז קען זוכה זיין צו מנצח זיין דעם יצר הרע גרינגערהייט.

און דער ענין פון: "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד".. ווערט טאקע נתעורר א יעדע יאר ווען עס קומט אָן די יום טוב פון שבועות, וואס די יום טוב שבועות איז דאך דעם: זְמַן מַתַּן "תּוֹרָתֵינוּ", און נישט: זְמַן מַתַּן "תּוֹרָתִי", אדער: זְמַן מַתַּן "הַתּוֹרָה", ניין.. עס איז: זְמַן מַתַּן "תּוֹרָתֵינוּ" – אונזער תורה, ווייל דער אייבערשטער האט נאר געגעבן די תורה פאר די יודישע קינדער ווען עס איז געווען: "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד" – ווען עס איז געהערש'ט א: "אַחְדוּת" צווישן די יודישע קינדער..!

ווייל נאר דעמאלט'ס קען מען זוכה זיין צו מקבל זיין דער הייליגער תורה הק', און נאר ווען מען איז זיך מבטל פאר א צווייטע יוד, און נאר ווען מען קען זיך באמת אראפ לאזן צו א צווייטע יוד, נאר דעמאלט'ס.. איז דא א מַתַּן "תּוֹרָתֵינוּ".

און דאס איז דאך טאקע די גאנצע יום טוב שבועות, איין שטיק: "וַיִּחַן" שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר – איין שטיק: "אַחְדוּת", און די ווארט: "שָׁבוּעוֹת" – איז דאך טאקע גימטריא: "עִיקַר דַּת", ווייל די ענין פון: "אַחְדוּת" איז דאך איינער פון די "יסודי הדת", און די יום טוב שבועות סימבאלאזירט דאך די ענין פון: "אַחְדוּת", ווייל אָן קיין: "אַחְדוּת" וואלט דאך בכלל נישט געווען קיין מתן תורה.

און ממילא קומט אויס פון דעם, אז די יום טוב שבועות איז דאך די גרעסטע יסוד פון א יוד, ווייל: "אי לאו האי יומא" – ווייל ווען נישט דעם הייליגן טאג פון: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה" וואס מען האט אונז געמאכט: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד".. דעמאלט'ס: "כמה יוסף איכא בשוקא" – דעמאלט'ס וואלטן מיר דאך נישט געווען אנדערש ווי א גוי וואס האט נישט קיין שום געפיל פאר זיין חבר, און מיר וואלטן דאך נישט באקומען דעם גרויסן מתנה פון: "אַחְדוּת".

און ממילא וועגן דעם איז שבועות א "יסוד הדת", און די "עיקר הדת", ווייל וואס איז די קרוין פון כלל ישראל אין דעם היינטיג'ן גלות..?! אז מען איז: "בְּאַחְדוּת", און ווען איינער דארף הילף, דעמאלט'ס לויפן מענטשן אפילו אינמיטן די נאכט כדי צו העלפן א צווייטע יוד, פון וואו קומט נעמט זיך אזא: "אַחְדוּת"..?! מען זעהט דאך נישט אזא סארט: "אַחְדוּת" ביי די גוים..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, צוויי ווערטער, און די צוויי ווערטער זענען: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", ווייל ביי: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה" האט מען דאך אונז געגעבן דעם: "וַיִּחַן" שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר, און דעם: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", און איינמאל מיר האבן שוין איין הארץ.. דעמאלט'ס לויפן מיר שוין אלע אפילו אינמיטן די נאכט כדי צו העלפן א צווייטע יוד, און ממילא דאס איז די יום טוב שבועות, איין זאך: "אַחְדוּת".

און משא"כ א רשע האט דאך נישט קיין שייכות צו דעם יום טוב פון שבועות, און פונקט פארקערט, ער נידערט נאך אראפ טיפער ווען עס קומט אזא יום טוב, אזוי ווי די ווארט: "שָׁבוּעוֹת" – וואס איז דאך טאקע גימטריא: "רָשָׁע יֵרֵד", ווייל דער רשע נידערט דאך אראפ נאך טיפער ווען ער זעהט אזא: "אַחְדוּת" ביי כלל ישראל, ווייל דאס איז דאך פשוט נישט פאר איהם, ווייל דער רשע וועט זיך נישט געבן קיין בייג פאר א צווייטן, און ממילא זיין גרעסטע ירידה איז, צו זעהן א: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", ווי טויזנט'ער יודישע קינדער שטייען גרייט: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד" מקבל צו זיין דער הייליגער תורה הק', און ממילא דאס איז דער ענין פון שבועות, שבועות פלאמט צוריק אויף די: "אַחְדוּת" וואס דער אייבערשטער האט אריין געלייגט אין די יודישע קינדער א פָּאר טויזנט יאר צוריק:

וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל הָאֱלֹקִים וַיִּקְרָא אֵלָיו יהו-ה מִן הָהָר לֵאמֹר וגו': דער הייליגער קדושת יום טוב פרעגט, אז פארוואס שטייט דא די לשון: וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל "הָאֱלֹקִים", מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז די נאמען: "אֱלֹקִים" ווייזט דאך אויף: מִדַּת "הַדִּין", אבער משא"כ די נאמען: "יהו-ה" ווייזט דאך אויף: מִדַּת "הָרַחֲמִים", און ממילא ווי פאסט זיך די לשון: "אֱלֹקִים" – וואס איז דאך: מִדַּת "הַדִּין" ביי מתן תורה..?! מתן תורה איז דאך געווען: "ביום חתונותו זה מתן תורה", און עס איז דאך געווען דעמאלט'ס די גרעסטע שמחה, און די גרעסטע אהבה, און ממילא וואס איז פשט פון די ווערטער: וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל "הָאֱלֹקִים"..?!

און נאך א קשיא איז דאך שווער דא, ווייל גלייך נאך דעם זעהען מיר דאך אז עס שטייט יא די לשון: וַיִּקְרָא אֵלָיו "יהו-ה" מִן הָהָר לֵאמֹר..?! און ממילא וואס טוט זיך דא..?! עס איז געווען דא: מִדַּת "הַדִּין" אדער עס איז געווען דא: מִדַּת "הָרַחֲמִים"..?!

ענטפערט דער הייליגער קדושת יום טוב, אז די טעם פארוואס עס שטייט קודם די ווערטער: וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל "הָאֱלֹקִים" איז, ווייל בשעת ווען משה רבינו איז ארויף געגאנגען צום הייליגן באשעפער, איז משה רבינו געווען ברוגז אויף זיך אליין, און בשעת'ן ארויף גיין, האט ער א גאנצן צייט געטראכט צו זיך, אז.. פארוואס טוה איך נישט גענוג פארן הייליגן באשעפער..?! און פארוואס בין איך נישט בסדר..?! און פארוואס טוה איך נישט גענוג פאר כלל ישראל..?! וכדומה וכדומה וכדומה.

[און דער געדאנק שטייט דאך שוין טאקע פון דעם הייליגן ראפשיצער רב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אז א תלמיד חכם איז: "אורייתא מרתיך עלי" – זיין תורה ברענט אין איהם, און עס האלט און איין קאכן אין איהם, און עס האלט און איין מאנען פון איהם פארוואס ער איז נישט גענוג עוסק אין דער הייליגער תורה הק'].

און דא.. ווען מען האט שוין געהאלטן ממש פאר: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", איז שוין משה רבינו איז געווען אביסל ברוגז אויף זיך, און ער האט געטראכט צו זיך, אז עס איז דאך א דורך אזעלכע הייליגע שלושת ימי הגבלה, און איך וואלט זיך דאך געדארפט אסאך בעסער צו גרייטן אין די הייליגע טעג פון שלושת ימי הגבלה, און משה רבינו האט ווייטער געטראכט, אז פארוואס לערן איך נישט גענוג..?! און פארוואס טוה איך נישט גענוג פארן הייליגן באשעפער..?!

און ממילא: וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל "הָאֱלֹקִים" – משה רבינו איז ארויף געגאנגען צום אייבערשטן מיט א: מִדַּת "הַדִּין" אויף זיך אליין אז ער טוט נישט גענוג פארן אייבערשטן, און ווען דער אייבערשטער האט דאס געזעהן, איז: וַיִּקְרָא אֵלָיו "יהו-ה" מִן הָהָר לֵאמֹר – האט איהם דער אייבערשטער גערופן "בלשון חיבה", און דער אייבערשטער האט איהם דעמאלט'ס געזאגט, אז: "אַתֶּם רְאִיתֶם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְמִצְרָיִם" – אז דו האסט דאך געזעהן וואס עס איז געווען אין מצרים, דארטן איז דאך געווען אסאך אסאך ערגער, און וואס האב איך געטוהן אין מצרים..?! איך האב געטוהן די פעולה פון: "וָאָבִיא אֶתְכֶם אֵלָי" – אין איין רגע האב איך ענק ארויס גענומען פון דארט, און ממילא דאס טוה איך אויך ביי מתן תורה, ווייל ביי מתן תורה נעם איך ארויס א יעדע יוד פון די ערגסט'ע מצב וואו ער זאל נאר זיין.

אבער עס מיינט נישט ח"ו אז מען דארף נישט מאכן קיין הכנה צו אזא הייליגע טאג, נאר עס מיינט סך הכל צו זאגן, אז דער אייבערשטער נעמט ארויס א יעדע יוד פון די נידריג'סטע מצב וואו ער זאל נאר זיין אין דעם הייליגן טאג פון: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה".

אבער אויב איינער גרייט זיך נישט צו פאר דעם יום טוב, דעמאלט'ס האט ער דאך נישט קיין כלי וואו אריין צו לייגן די אלע אורות וואס ער באקומט, און אויב גרייט מען נישט צו קיין כלי, דעמאלט'ס פאלט דאך ארויס אלעס וואס מען שעפט אָן אין אזא הייליגע טאג, און מען קען דאך גארנישט קונה זיין אזוי.

און דער הייליגער חפץ חיים זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט דאך אונז שוין טאקע אמאל געזאגט, אז: "שמעתי ממגיד אחד" – אז איך האב אמאל געהערט פון עפעס א מגיד גאר א שיינעם ווארט, און דאס איז, אז: "שְׁתוּלִים בְּבֵית יהו-ה" – אז אויב איינער קומט אמאל אריין אין דעם: "בֵּית יהו-ה" פלוצלונג, אָן קיין שום "הכנה" פון פריער, דעמאלט'ס: "בְּחַצְרוֹת אֱלֹקֵינוּ" – דעמאלט'ס ווען ער גייט ארויס אין דעם חצר פון דעם: "בֵּית יהו-ה", איז: "יַפְרִיחוּ" – פליעט דעמאלט'ס אלעס אוועק פון איהם, ווייל מען מוז דאך צו גרייטן א "כלי" פון פריער כדי צו קענען מקבל זיין די אלע הייליגע אורות וואס קומען אראפ פון הימל אין דעם הייליגן זמן פון: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה".

און די ווארט: "יוֹם טוֹב" – איז דאך טאקע גימטריא: "הָכֵן" – גרייט צו (מיט די צוויי ווערטער), ווייל עס איז אמת טאקע אז א: "יוֹם טוֹב" האט טאקע א געוואלדיגע גרויסע כח צו טוישן א מענטש, אבער אפילו אזוי דארף מען זיך אבער נאך אלץ זעהן אָן גרייטן ווי עס דארף צו זיין, כדי אז מען זאל טאקע זיין א: "כלי ראוי לקבל" – כדי אז מען זאל טאקע קענען מקבל זיין די אלע גרויסע הייליגע השפעות וואס קומען אראפ פון הימל אין דעם הייליגן: "יוֹם טוֹב", ווייל אויב גרייט מען נישט צו קיין כלי כדי צו קענען מקבל זיין די אלע הייליגע השפעות פון דעם הייליגן: "יוֹם טוֹב", דעמאלט'ס וועט דאך די גאנצע חיזוק פון דעם יום טוב פארלוירן ווערן חס ושלום, און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "פְּעָמַי" – מיין וועג אין עבודת השם יתברך איז, אז: "הָכֵן" – אז איך גרייט זיך צו: "בְּאִמְרָתֶךָ" – מיט דער הייליגער תורה הק', און נאך דערצו ווען מיר האלטן דאך שוין יעצט פאר אזא הייליגע זמן ווי: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה".

און די ווארט: "פְּעָמַי" – איז דאך טאקע גימטריא: "מַה קָּנָה" – ווען קען איך קוקען און זעהן וואס איך האב זיך איין געקויפט פון אזא הייליגן: "יוֹם טוֹב"..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז דאס איז נאר ווען: "הָכֵן" – דאס איז נאר ווען איך האב זיך צו גע'גרייט מיט א "הכנה" קודם למצוה פאר דעם הייליגן: "יוֹם טוֹב", און ווי אזוי גרייט מען זיך צו פאר אזא הייליגן: "יוֹם טוֹב"..?! ענטפערט אונז אויף דעם דוד המלך עליו השלום, און דוד המלך עליו השלום זאגט אונז דא, אז דו ווייסט ווי אזוי א יודיש קינד גרייט זיך צו צו אזא הייליגן: "יוֹם טוֹב"..?! איך וועל דיר זאגן ווי אזוי א יודיש קינד גרייט זיך צו צו אזא הייליגן: "יוֹם טוֹב", די וועג ווי אזוי א יודיש קינד גרייט זיך צו צו אזא הייליגן: "יוֹם טוֹב" איז: "בְּאִמְרָתֶךָ" – דורך דעם וואס ער לערנט דער הייליגער "תורה" הק', און דורך דעם וואס ער לערנט די הייליגע: "הלכות החג שלושים יום קודם החג":

אַתֶּם רְאִיתֶם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְמִצְרָיִם וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים וגו': רש"י הק' איז מסביר, אז ווען א אדלער טראגט זיינע קינדער, דעמאלט'ס טראגט ער זיי אינגאנצן אנדערש ווי אלע אנדערע פייגל'עך, ווייל ווען א פשוט'ע פייגל פליעט, דעמאלט'ס טראגט זי אירע קינדער צווישן אירע פוס, און נישט אויף אירע פליגלען, ווייל זי האט דאך מורא פון די אנדערע פייגל'עך וואס פליען העכער איר אז זיי זאלן איר נישט צו נעמען אירע קינדער.

אבער משא"כ ווען א אדלער פליעט, דעמאלט'ס טראגט זי אירע קינדער העכער אירע פליגלען, ווייל דער אדלער האט דאך נישט וואס מורא צו האבן פון אנדערע פייגל'עך, ווייל דער אדלער פליעט דאך די

העכסט'ע פון אלע פייגל'עך, און ממילא דארף זי נישט מורא האבן פון גארנישט, ווייל קיינער קען דאך נישט פליען העכער ווי דער אדלער.

אבער פון איין זאך האט דער אדלער יא מורא, און דאס איז, פון דעם מענטש, ווייל דער אדלער האט דאך מורא אז אפשר וועט א מענטש אריין שיסן א פייל פון אונטער איר, און ער וועט איר אראפ שיסן צוזאמען מיט אירע קינדער, אבער אפילו אזוי לייגט זי אבער נאך אלץ אירע קינדער העכער אירע פליגלען, און נישט אונטער אירע פליגלען (אזוי ווי אלע אנדערע פייגל'עך), ווייל דער אדלער זאגט, אז: "מוּטָב שֶׁיִכָּנֵס הַחֵץ בִּי וְלֹא בְּבָנַי" – אז בעסער זאל דער פייל אריין פליען אין מיר ווי איידער עס זאל אריין פליען אין מיינע קינדער, און וועגן דעם לייגט זי טאקע אירע קינדער העכער אירע פליגלען.

אבער לכאורה איז שווער א מורא'דיגע קשיא, ווייל וואס האט דער אדלער אויף געטוהן מיט דעם, אויב א מענטש שיסט אריין אין א פייל אין דעם אדלער, דעמאלט'ס וועט זי דאך אראפ פאלן צוזאמען מיט אירע קינדער, און ממילא וואס טוט זי אויף מיט דעם וואס זי לייגט אירע קינדער העכער אירע פליגלען..?! זיי וועלן דאך סיי ווי סיי געהארגע'ט ווערן אויב א מענטש וועט אריין שיסן א פייל פון אונטן..?!

נאר פון דעם קען מען זיך ארויס לערנען א מורא'דיגע מוסר השכל, אז דער אדלער זאגט צו זיך, אז אפילו אויב איינער וועט אריין שיסן א פייל אין מיר, לאז איך אבער נאך אלץ נישט אפ וואס איך טראג, און דאס דארף טאקע א מענטש שטענדיג געדענקען אין א יעדן מצב, אז אפילו אויב איינער האט מיר גאר שטארק צו קלאפט, לאז איך אבער נאך אלץ נישט אפ וואס איך טראג, און איך לאז נישט אפ מיינע קינדער, וואס דאס איז, מיינע "מצוות ומעשים טובים".

און א מענטש דארף דאס גוט אריין נעמען אין קאפ, ווייל א יעדע מענטש האט דאך אמאל א שווערע מצב אין זיין לעבן, און ממילא דארף ער זיך גוט איין חזר'ן דעם געדאנק, אז אפילו אויב איינער האט מיר אינגאנצן צו קלאפט, אפילו אזוי ווארף איך אבער נאך אלץ נישט אראפ וואס איך טראג, נאר פארקערט, איך גיי אָן ווייטער מיט מיין יודיש'קייט כאילו לא היה.

ווייל כלל ישראל איז דאך צו געגעליכן צו א: "נֶשֶׁר" – צו א אדלער, און דאס איז דאך טאקע מרומז אין די פסוק שפעטער, ווייל עס שטייט שפעטער אין דעם פסוק, אז: "וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ" וגו', נו.. לאמיר טאקע זעהן וואס רש"י הק' זאגט אויף דעם הייליגן פסוק פון: "וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ", אבער וואונדער איבער וואונדער.. רש"י הק' זאגט איין איינציגע ווארט, און דאס איז: "שָׂרִים", ווייל א יוד דארף וויסן, אז איך בין נישט סתם עפעס א שמאטע, נאר איך בין א "שר" פאר דעם אייבערשטן, און איך בין פון דעם אייבערשטנ'ס גרעסטע: "שָׂרִים", און די ווארט: "שָׂרִים" – איז דאך טאקע גימטריא: "נֶשֶׁר" – א אדלער.

ווייל מיר כלל כלל ישראל – דער: "גּוֹי קָדוֹשׁ" פון דעם הייליגן באשעפער זענען צו געגליכ'ן צו א אדלער, און מיר דארפן טאקע אָן נעמען דעם הנהגה פון דעם: "נֶשֶׁר", און נישט אפ לאזן אונזערע הייליגע עבודות אין קיין שום מצב, נאר זיך שטענדיג מחזק זיין מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן", און ווייטער דינען דעם הייליגן באשעפער כאילו לא היה.

און אויב א מענטש וועט נישט אראפ ווארפן פון זיך דעם עול תורה אפילו ווען ער איז שטארק צו קלאפט געווארן, דעמאלט'ס וועט ער זוכה זיין מדה כנגד מדה אז דער אייבערשטער וועט איהם אויך קיינמאל נישט אוועק ווארפן, נאר ער וועט איהם שטענדיג האלטן אויף זיין רעכטע זייט, און אויב א מענטש האט: "קִרְבַת אֱלֹקִים", דעמאלט'ס איז ער דאך די גליקלעכ'סטע מענטש אויף דער וועלט.

ווייל דוד המלך זאגט דאך אין זיין ספר תהלים, אז: "וַאֲנִי" – אז איך.. דארף נאר איין זאך: "קִרְבַת אֱלֹקִים" – איך וויל זיין נאנט צום אייבערשטן, דאס איז: "לִי טוֹב" – דאס איז די בעסטע זאך וואס איך גלוסט נאר צו האבן, ווייל אויב א מענטש איז נאנט צום אייבערשטן, דעמאלט'ס ווערן דאך זיינע תפילות

גאר שנעל נתקבל, ווייל דער אייבערשטער שטייט דאך ממש לעבן איהם, און ער נעמט גלייך אָן אלע זיינע תפילות, און עס איז דאך נישט דא קיין שום שלעכטע מלאך וואס קען פראבירן צו שטערן זיינע תפילות, ווייל דער קעניג אליין שטייט דאך ממש לעבן איהם, און ער הערט איהם אויס:

וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: עס שטייט פון צדיקים, אז ווען א יודיש קינד וואלט טאקע באמת פארשטאנען וואס דאס מיינט אז א יודיש קינד איז טאקע א אמת'ע: "בֶּן מֶלֶךְ", וואלט ער געלעבט אסאך א העכער'ע סארט לעבן, און ער וואלט זיך נישט אויף געפירט דעמאלט'ס ווי אזוי ער פירט זיך אויף, און נישט נאר אז דער יוד איז א אמת'ע: "בֶּן מֶלֶךְ", נאר דער יוד איז א: "בֶּן יָחִיד" צו דעם: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע אין ספרים הק', אז די יודישע קינדער ווערן אָן גערופן די: "בנו יחידו" פון דעם הייליגן באשעפער.

און א: "בֶּן מֶלֶךְ" וואס איז אויך א: "בֶּן יָחִיד" דארף דאך אסאך שטערקער אכטונג געבן אויף זיינע קליידער, און אויף זיינע מעשים, ווייל א יעדער איינער וועט דאך אָן ווייזן אויף איהם, אז.. קוק אהער, אזוי פירט זיך אויף די איינציג'סטע זוהן פון דעם קעניג [וואס פאר טרעט דעם קעניג אליין], און די: "בנו יחידו" פון דעם מלך האט דאך חוץ פון דעם גאר א גרויסע חלק אין דעם: "מַלְכוּת" פון דעם מלך.

און ממילא די זעלבע זאך איז מיט א יודיש קינד, ווייל א יודיש קינד איז דאך די: "בנו יחידו" פון דעם הייליגן באשעפער, און ממילא וועגן דעם דארף ער זיך אויף פירן מיט א געוויסע סארט: "מַלְכוּת", און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז ער דארף גאר שטארק אכטונג געבן אויף זיינע "מעשים", און אויב א מענטש וואלט טאקע באמת פארשטאנען זיין חשיבות, דעמאלט'ס וואלט ער זיך נישט אויף געפירט אזוי ווי ער פירט זיך אויף, נאר ער וואלט טאקע דעמאלט'ס באמת גאר שטארק אכטונג געגעבן אויף זיינע מעשים וואס ער טוט.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים" וגו', ווייל די ווערטער: "**וְ**אַתֶּם **תִּ**הְיוּ **לִ**י **מַ**מְלֶכֶת **כֹּ**הֲנִים" – איז דאך טאקע ראשי תיבות: "מַלְכוּת", ווייל.. יא, ווען א יודיש קינד וואלט טאקע באמת געשפירט ביי זיך דעם: "**וְ**אַתֶּם **תִּ**הְיוּ **לִ**י **מַ**מְלֶכֶת **כֹּ**הֲנִים" – ווען א יודיש קינד וואלט טאקע באמת געשפירט ביי זיך דעם: "מַלְכוּת" פון דעם אייבערשטן, און ער וואלט טאקע באמת געשפירט ביי זיך אז ער איז טאקע א ריכטיגע: "בְּנוֹ יְחִידוֹ" פון דעם: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דעמאלט'ס וואלט דאך איהם געווען אסאך אסאך גרינגער צו זיין א: "גוֹי קָדוֹשׁ" – דעמאלט'ס וואלט דאך איהם געווען אסאך אסאך גרינגער צו זיין א הייליג פאלק, ווייל איינמאל א יודיש קינד שפירט טאקע באמת ביי זיך אז ער איז טאקע א אמת'ע: "בֶּן מֶלֶךְ", דעמאלט'ס קען ער מער נישט טוהן וואס ער טוט, ווייל ער איז דאך א: "בֶּן מֶלֶךְ".

און ממילא: "אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" – און ממילא דאס האט דער אייבערשטער דא געהייסן פאר משה רבינו אז ער זאל איבער געבן פאר די יודישע קינדער, ווייל דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז: "אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" – אז געב איבער פאר די יודישע קינדער די ווערטער וואס מען האט פריער דערמאנט, און געב דאס אלעס איבער: אֶל "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", און עס שטייט נישט אין פסוק, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל דאס איבער געבן: אֶל "כָּל" יִשְׂרָאֵל, ניין.. נאר דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז דערצייל פאר די יודישע קינדער אז זיי זענען: "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" – דערצייל פאר די יודישע קינדער אז זיי זענען: "בני מלכים", און: "בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב", און זאג זיי ווער זיי זענען, און זאג זיי וועמענ'ס קינדער זיי זענען, און לערן זיי אויס ווי אזוי עס פאסט פאר זיי אז זיי זאלן זיך אויף פירן:

וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם יַחְדָּו וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יהו-ה נַעֲשֶׂה וגו': די יודישע קינדער זענען יעצט געשטאנען פאר מתן תורה, און מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז עס ווערט דאך שוין געברענגט אין חז"ל, אז בשעת מתן תורה איז געווען גאר א שטארקע: "אַחְדוּת" צווישן די יודישע קינדער, און ממילא וועגן דעם

האבן די יודישע קינדער געהאט דעמאלט'ס דעם גרויסן כח אויס צו שרייען אלע אינאיינעם: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד" אז: "כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יהו-ה נַעֲשֶׂה".

ווייל זיי האבן זיך דאך נישט געדארפט איבער רעדן דעמאלט'ס איינער מיטן צווייטן, ווייל איינמאל מען איז: "בְּאַחֲדוּת", און מען איז: "בחבורה אחת", דעמאלט'ס איז מען זיך מחזק איינער דעם צווייטן, און עס ווערט דאך דעמאלט'ס א שטארקע רוח פון תורה און עבודת השם יתברך, און עס ווערט דאך דעמאלט'ס אויך גאר א שטארקע "אהבת חברים" צווישן זיי.

און טאקע וועגן דעם זענען די יודישע קינדער צו געקומען צו די מדריגה אז ווען משה רבינו איז צוריק געקומען צו די יודישע קינדער, האבן זיי אלע צוזאמען געקענט אויס שרייען דעמאלט'ס בפה אחד די ווערטער: "כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יהו-ה נַעֲשֶׂה", ווייל עס איז דאך געווען דעמאלט'ס א: וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם "יַחְדָּו", און אויב עס איז דא דעם: "יַחְדָּו" – אויב עס איז דא דעם: "אַחֲדוּת", דעמאלט'ס קען אויך זיין דעם: "וַיַּעֲנוּ", ווייל אויב יודישע קינדער זענען: "בְּאַחֲדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", דעמאלט'ס קען מען צו קומען צו גאר גרויסע מדריגות אין תורה ועבודת השם.

און ממילא דאס זאגט אונז די פסוק דא, אז: וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם "יַחְדָּו" – אז וויבאלד די יודישע קינדער האבן געהאט דעם גרויסן "כח" פון: "אַחֲדוּת", אזוי ווי די ווארט: "יַחְדָּו" – וואס איז דאך גימטריא: "כֹּחַ", ממילא וועגן דעם האבן זיי אויך געקענט צו קומען צו: "וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יהו-ה נַעֲשֶׂה", ווייל ווען מען געפונט זיך בחבורה אחת, דעמאלט'ס קען מען צו קומען צו גאר גרויסע מדריגות אין תורה ועבודת השם יתברך.

און די ווערטער: "**אֲ**שֶׁר **דִּ**בֶּר יהו-ה **נַ**עֲשֶׂה" – איז דאך ראשי תיבות: "אדנ-י", ווייל דער אייבערשטער זאגט פאר די יודישע קינדער בכל דור ודור, אז אויב עס וועט זיין דעם: "יַחְדָּו וַיֹּאמְרוּ כֹּל" – אויב אלע יודישע קינדער וועלן קענען זאגן אינאיינעם, און זיצן אינאיינעם בשבת אחים, און עס וועט זיין א גרויסע: "אַחֲדוּת", דעמאלט'ס וועט: "**אֲ**שֶׁר **דִּ**בֶּר יהו-ה **נַ**עֲשֶׂה" – דעמאלט'ס וועט זיך דער האר פון די וועלט אויך פירן מיט אונז מיט: "אַחֲדוּת", און ער וועט אריין ברענגען א שטארקע אהבה צווישן אונז מיט דעם אייבערשטן, ווייל מיט די כח פון: "אַחֲדוּת" קען מען צו אלעס צו קומען, און מיט די כח פון: "אַחֲדוּת" קען מען אפילו זוכה זיין צו ברענגען: "מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ" פאר די צייט.

און דאס איז דאך טאקע אויך א רמז פאר אונז וואס מיר געפונען זיך היינטיגע צייטן אין דעם ביטער'ן גלות נאך דעם צווייטן חורבן בית המקדש, ווייל מיר ווייסן דאך אלע זייער גוט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אז: בשביל "שנאת חינם" נחרב הבית, און: ובשביל "אהבת חינם" יבנה הבית, און לויט דעם ליגט פשוט א טיפע מוסר השכל פאר אונז אין דעם פסוק פון: "וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם יַחְדָּו" וגו', ווייל עס שטייט דאך אין חז"ל, אז היינטיגע צייטן ווען עס איז דא הסתרות צווישן יודישע קינדער, נוצט מען נישט דעם נאמען "יהו-ה", נאר מען נוצט דעם נאמען: "אדנ-י", ווייל מיר זענען דאך נאך אין גלות, און מיר זענען דאך נאך ארום גענומען מיט הסתרות, און ממילא זאגט אונז די פסוק דא, אז: "יַחְדָּו וַיֹּאמְרוּ כֹּל" – אז ענק ווייסן ווען עס איז ענקער עיקר עבודה צו ארבעטן אויף: "אַחֲדוּת"..?! ווען: "**אֲ**שֶׁר **דִּ**בֶּר יהו-ה **נַ**עֲשֶׂה" – ווען ענק געפונען זיך פאר טריבן אין דעם גלות, און ענק נוצן דעם נאמען "אדנ-י" ווייל ענק זענען ארום גענומען מיט הסתרות, דעמאלט'ס.. איז ענקער עיקר עבודה צו ארבעטן אריין צו ברענגען: "אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת" צווישן יודישע קינדער.

ווייל מיט די כח פון: "אַחֲדוּת" קען מען צו אלעס צו קומען, און דורך דעם קען מען זוכה זיין צו ברענגען: "מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ", ווייל חז"ל זאגן דאך אונז שוין קלאר, אז די צווייטע בית המקדש איז דאך נאר חרוב געווארן וועגן איין איינציגע סיבה, און דאס איז געווען, וועגן: "שנאת חינם" – ווייל מען האט זיך פיינט געהאט איינער דעם צווייטן, און וויבאלד מען האט זיך ארום געקריגט איינער מיטן צווייטן, און דאס.. האט פאר טריבן די שכינה הק' פון דעם הייליגן בית המקדש, און ממילא מיר דארפן דאס פארעכטן, און

עס ליגט א פליכט אויף אונז דאס צו פארעכטן ווי שנעלער, און צוריק ברענגען די הייליגע שכינה הק' צו איר וואוין ארט.

און ווען מיר וועלן אלע אינאיינעם זיין: "בְּאַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", און א יעדער איינער וועט זוכן ווי אזוי ער קען א טובה טוהן פאר זיין חבר, דעמאלט'ס וועלן מיר טאקע אלע אויס געלייזט ווערן אויף איין מאל, און מיר וועלן שוין טאקע אלע קענען זוכה זיין נאך אמאל נהנה צו זיין מזיו השכינה.

און מיר דארפן דאס טאקע גוט אריין נעמען אין קאפ, און גוט געדענקען, און זיך שטענדיג אליין דערמאנען, אז דו ווייסט ווען: "הוּא יִגְאַל אוֹתָנוּ בְּקָרוֹב" – דו ווייסט ווען דער אייבערשטער וועט אונז שוין אויס לייזן..?! און: "וִיקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ" – און ער וועט צוזאמען נעמען גאנץ כלל ישראל, און זיי אהיים נעמען..?! ווען עס וועט זיין: "חֲבֵרִים כָּל יִשְׂרָאֵל" – ווען אלע יודישע קינדער וועלן זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן, ווייל: "בשביל "שנאת חינם" חרב הבית, און: "ובשביל "אהבת חינם" יבנה הבית".

אזוי ווי עס שטייט דאך טאקע אין פסוק אין פרשת וזאת הברכה, אז דו ווייסט ווען עס וועט זיין: "וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ" – דו ווייסט ווען מיר וועלן שוין טאקע אלע קענען זוכה זיין צו זעהן דעם מלך המשיח..?! ווען עס וועט זיין: "יַחַד שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל" – ווען אלע יודישע קינדער וועלן זיך האלטן צוזאמען, מיט א אמת'ע: "אַחְדוּת", דעמאלט'ס וועלן מיר שוין טאקע אלע קענען זוכה זיין אז עס וועט מקוים ווערן דאס וואס מיר שרייען שוין הונדערט'ער יארן, אז: "יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ עִיר צִיּוֹן תְּמַלֵּא".

און ממילא דארף א יעדע יוד שטענדיג געדענקען, אז יודישע קינדער מוזן זיך שטענדיג האלטן צוזאמען, ווייל מען זעהט דאך אין דער הייליגער תורה הק' אז דער אייבערשטער האט געלייגט דריי סארטן יודן איינער לעבן דעם צווייטן, ווייל מיר געפונען דאך ביי די סדר האל"ף בי"ת אז דער אייבערשטער האט געלייגט די אותיות יו"ד כ"ף און למ"ד איינער לעבן דעם צווייטן, און די אות יו"ד גייט דאך ארויף אויף א "ישראל", און די אות כ"ף גייט דאך ארויף אויף א "**כהן**", און די אות למ"ד גייט דאך ארויף אויף א "**לוי**", און מיר זעהען.. אז דער אייבערשטער האט זיי געלייגט איינער לעבן דעם צווייטן, (יו"ד כ"ף למ"ד), פארוואס..?! פארוואס טאקע האט דער אייבערשטער דוקא געלייגט די דריי אותיות איינער לעבן דעם צווייטן..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט דוקא געלייגט די דריי אותיות איינער לעבן דעם צווייטן איז, ווייל דער אייבערשטער האט אונז געוואלט ווייזן מיט דעם, אז יודישע קינדער מוזן זיך שטענדיג האלטן צוזאמען און: "בְּאַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", ווייל אויב נישט, דעמאלט'ס ווערן זיי ח"ו אויס: "כלי" [וואס איז ראשי תיבות: "**כהן לוי ישראל**"], און זיי ווערן אויס: "כלי מוכן לקבל פני משיח צדקינו", און זיי פארלירן ח"ו דעם זכות פון צו קענען אויס געלייזט ווערן.

ווייל אונזערע הייליגע חכמים ז"ל האבן דאך שוין אריין געשריגן הונדערט'ער יארן אין אונזערע אויער'ן, אז די שליסל צו ברענגען: "מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ" איז, איין זאך, "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" – אז דו זאלסט ליב האבן דיין חבר אזוי ווי דו האסט זיך אליין ליב.

און דער הייליגער תורה הק' זאגט דיר טאקע אָן, אז: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ" – אז דו זאלסט ליב האבן דיין חבר, אבער דאס מיינט נישט אז דו זאלסט איהם ליב האבן, און זאגן, פיין.. איך האב ליב א צווייטע יוד, ניין.. נאר ליב האבן מיינט, אז דו זאלסט איהם פריילעך מאכן, און דו זאלסט איהם דערפרייען זיין הארץ ווען ער איז צובראכן, און: "כָּמוֹךָ" – און פונקט אזוי ווי דו וואלס'ט זיך געוואלט פריילעך מאכן ווען עס גייט דיר שווער, אזוי אויך זאלסטו פריילעך מאכן דיין חבר ווען עס גייט איהם שווער.

און: "זה כלל גדול בתורה" – און די מדה פון: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל" איז "כולל" די גאנצע תורה, ווייל אויב טוסטו דאס, דעמאלט'ס ביזטו דאך שוין צו געקומען צו די תכלית פון די גאנצע תורה, ווייל מיר ווייסן

דאך אלע די מעשה וואס עס ווערט געברענגט אין די גמרא, אז עס איז געקומען אמאל א גוי צו הלל הזקן, און דער גוי האט געבעטן הלל הזקן אז ער זאל איהם אויס לערנען די גאנצע תורה אזוי שנעל ווי לאנג ער שטייט אויף איין פוס, האט איהם הלל הזקן געזאגט, זיכער.. איך וועל דיר שוין אויס לערנען די גאנצע תורה, און הלל הזקן האט זיך אָן גערופן צו דעם גוי, און געזאגט, אז הער מיר צו, די גאנצע תורה איז, איין זאך, "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" – דו זאלסט ליב האבן דיין חבר אזוי ווי דיר אליין.

איי.. ווענסטו פרעגן, וואס מיינט ליב האבן א חבר אזוי ווי זיך אליין..?! וועל איך דיר זאגן וואס דאס מיינט ליב האבן א חבר, ליב האבן א חבר ווי זיך אליין מיינט, אז: "ומה דעלך סאני לחברך לא תעביד" – אז וואס דו ווילס'ט נישט אז מען זאל טוהן פאר דיר, זאלסטו נישט טוהן פאר דיין חבר.

יעצט לאמיר אריין טראכטן א מינוט, וואס שטייט דא אין די מעשה..?! אין דעם הייליגן מעשה (וואס ווערט געברענגט אין די גמרא) שטייט, אז די הייליגע תנא "הלל הזקן" האט געזאגט פאר א נידריגע "גוי" וואס איז נאך געווען אזוי ווייט פון די מקור הקדושה אז.. די תורה איז, איין זאך, אז: "מה דעלך סאני לחברך לא תעביד" – אז וואס דו ווילס'ט נישט אז מען זאל טוהן פאר דיר, זאלסטו נישט טוהן פאר דיין חבר.

און דאס האט ער געזאגט פאר א "גוי", נו.. על אחת כמה וכמה קל וחומר בן בנו של קל וחומר ווען מען רעדט צו א ערליכע פרומע יוד, דארף דאך דער ענין פון: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל" ברענען און פלאקער'ן ביי איהם אין הארץ, און ח"ו ח"ו קיינמאל נישט עובר זיין אויף דעם: "מה דעלך סאני לחברך לא תעביד", נאר פארקערט, גיי נאך העכער אין די מדריגה פון: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל", און זוך צו דער פרייען נאך א יודיש קינד, און נאך א: "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל" וואס איז פאר צער'ט.

ווייל וואס איז דען א יוד בכלל אויב נישט: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל"..?! די ווארט: "אַהֲבָה" איז דאך גימטריא: "אֶחָד"..?! ווייל.. יא, אויב ווילסטו זיין נאנט צום אייבערשטן, דעמאלט'ס מוזטו זיך פירן: "בְּאַהֲבָה" וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, און נאר אויב מען לעבט "בשלום ובשלוה" קען מען זוכה זיין אז די תפילות זאלן אָן גענומען ווערן אויבן אין הימל.

אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע מרומז אין די ווארט: "שַׁלְוָה", ווייל די ווארט: "שַׁלְוָה" – איז דאך ראשי תיבות: "**הַ**ב **לָ**ן **שְׁ**אִלְתִּין **וּ**בָעוּתִין", ווייל אויב עס איז דא: "שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה" צווישן יודישע קינדער, דעמאלט'ס קען מען זוכה זיין צו דעם ברכה פון: "הַב לָן שְׁאִלְתִּין וּבָעוּתִין" – אז דער אייבערשטער זאל אונז נאך געבן אונזערע בקשות, און: "וִימַלֵּא יהו-ה כָּל מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה".

אבער אויב א מענטש איז ח"ו פוגם אין דעם דיבור, דעמאלט'ס קענען זיינע תפילות נישט אָן גענומען ווערן אויבן אין הימל, ווייל עס פעלט דאך דעם: "שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה" וואס איז: "שמו של הקדוש ברוך הוא" כידוע, און עס איז דאך שורה א רוח פון מחלוקת, און דעמאלט'ס פאר טרייבט מען דאך ח"ו די שכינה הק' וואס געפונט זיך צווישן אונז.

און דער ענין פון פוגם זיין אין דעם דיבור מיינט נישט דוקא אז מען רעדט: "דְּבָרִים הָאֲסוּרִים", נאר פוגם זיין אין דעם דיבור מיינט דאך אויך אויב מען טוט ווי א צווייטן: "באונאת דברים", וואס מען איז דאך עובר אויף דעם א איסור תורה פון: "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ", און די גמרא אין מסכת בבא מציעא (דף: נ"ח עמוד ב') איז דאך שוין מבאר דעם ענין.

און די גמרא זאגט טאקע דארטן, אז וואס מיינט "אונאת דברים"..?! ענטפערט די גמרא דארטן די תירוץ מיט א משל, און די גמרא זאגט דארטן, אז.. למשל: "אם היה בעל תשובה" – אז אויב איינער איז געווארן א בעל תשובה, דעמאלט'ס: "אל יאמר לו זכור מעשיך הראשונים" – דעמאלט'ס זאלסטו איהם נישט זאגן, אז.. דו געדענקס'ט אז דו האסט געטוהן אמאל אזא און אזא עבירה..?! יא..?!

דאס הייסט דאך ממש "אונאת דברים", ווייל דו טשעפעס'ט דאך דיין חבר מיט דעם, און דו ביזט דאך איהם משפיל ביז צו דער ערד דורך דיינע שפיזיגע ווערטער, און ווי אזוי מעג מען דען ווי טוהן א יוד..?! און ווי אזוי מעג מען דען "משפיל" זיין א יוד..?! ווער האט דיר דען געגעבן דיין מויל אז דו מיינס'ט שוין אז דו קענסט שוין מיט דעם משפיל זיין דיין חבר..?!

און דאס איז דאך טאקע אויך מרומז אין די ווארט: "מַשְׁפִּל", [און ווען א מענטש וויל ח"ו "משפיל" זיין א חבר, דעמאלט'ס זאל ער זיך גוט איין קוקען אין דעם ווארט: "מַשְׁפִּל"], ווייל די ווארט: "מַשְׁפִּל" – איז דאך ראשי תיבות: "**מִי שָׂם פֶּה לָאָדָם**" – ווער האט דיר דען געגעבן דיין מויל אז דו מיינס'ט שוין אז דו קענסט שוין מיט דעם משפיל זיין דיין חבר..?! דער אייבערשטער האט דאך דיר געגעבן דיין מויל..?! און ממילא ווי אזוי קענסטו נעמען א זאך וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן כדי אז דו זאלסט דאס נוצן פאר תורה ותפילה.. און דאס ארום דרייען פאר א שפיציגע שווערד, און הארגע'נען מענטשן מיט דעם..?! ווי מעג מען דאס טוהן..?!

און די גמרא אין מסכת בבא מציעא (דף: נ"ט עמוד ב') איז דאך שוין טאקע מסביר דעם פסוק פון: "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ", און די גמרא זאגט דארטן, אז די כוונה פון דעם פסוק איז געווען, אז: "עם שאתך בתורה ובמצות אל תונהו" – אז דיין חבר וואס איז מקיים תורה ומצות זאלסטו נישט ווייי טוהן.

ווייל מיר האבן דאך בכלל נישט קיין השגה וואס דאס מיינט א יוד וואס איז מקיים תורה ומצות, און מיר האבן דאך בכלל נישט קיין השגה אין די חשיבות פון א יוד וואס טוט דעם רצון השם.

און דאס וואס די גמרא זאגט אין מסכת בבא מציעא (דף: נ"ח עמוד ב') אז: "אם היה בעל תשובה אל יאמר לו זכור מעשיך הראשונים" גייט דאך ארויף א יעדע איינציגע יוד, ווייל: "אם היה בעל תשובה" – ווייל אויב א יודיש קינד וויל אמאל תשובה טוהן, דעמאלט'ס: "אל יאמר לו זכור מעשיך הראשונים" – דעמאלט'ס זאל דער יוד [וואס וויל תשובה טוהן] נישט זאגן פאר זיך אליין אז.. דו געדענקס'ט וואס דו האסט אמאל געטוהן..?!

נאר וואס זאל ער יא זאגן פאר זיך אליין..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז ער זאל זאגן פאר זיך אליין וואס "הלל הזקן" האט געזאגט פאר דעם גוי וואס האט זיך געוואלט מקרב זיין צו די מקור הקדושה, און ער זאל מקבל זיין אויף זיך בקבלה גמורה [בענין סור מרע], אז: "מה דעלך סאני לחברך לא תעביד" – אז איך וועל נישט ווי טוהן קיין צווייטע יוד, נאר איך וועל מקבל זיין אויף מיר דעם "עול התורה" וואס דאס איז: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" – וואס איז "כולל" כל התורה כולה.

ווייל ווען א יוד וויל תשובה טוהן, דעמאלט'ס דארף ער גלייך מאכן זיכער ער איז מתקן זיינע וועגן "בין אדם לחבירו", ווייל אויב האט ער נישט מתקן געווען זיינע וועגן "בין אדם לחבירו", דעמאלט'ס וועט דאך איהם זיכער זיין גאר גאר שווער צו דערגרייכן דעם הייליגן באשעפער, ווייל דער אייבערשטער זאגט דאך קלאר, אז: "בשביל שנאת חינם החרבתם את ביתי" – אז וועגן "שנאת חינם" האט עטץ חרוב געמאכט מיין וואוינונג.

און מיר אלע ווייסן דאך אויך גאנץ גוט וואס עס שטייט אין פסוק אין פרשת כי ראה, אז דער אייבערשטער זאגט פאר כלל ישראל, אז: "כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַיהו-ה אֱלֹקֶיךָ" – אז ענק זענען טאקע א הייליג פאלק פאר מיר, אבער: "בְּךָ בָּחַר יהו-ה" – אבער איך האב אויס געוועלט א יעדעם איינעם באזונדער (פון דעם כלל), און אויב וועלן ענק ארויס שטופן איין יו"ד פון דעם כלל, וועלן ענק דאך פוגם זיין אין די קדושה פון גאנץ כלל ישראל.

ווייל כלל ישראל מוז זיך האלטן אויף דעם יסוד וואס מען האט איר אוועק געשטעלט ביי מתן תורה, און דאס איז: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד" – אז די יודישע קינדער זאלן זיך האלטן צו דעם יסוד פון: "בְּךָ" בָּחַר יהו-ה, ווייל דאס איז דאך די גאנצע תורה..?!

און דאס איז דאך טאקע אויך מרומז אין די ווארט: "בְּדָ", ווייל די ווארט: "בְּדָ" – איז דאך טאקע גימטריא: כ"ב, ווייל.. יא, די יסוד פון די גאנצע תורה איז, אז: "בְּדָ" בָּחַר יהו-ה – אז גאנץ כלל ישראל זאל זיך האלטן צוזאמען: "בְּאַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד".

און בכלל.. דארפן מיר דאך וויסן, אז עס פאסט דאך נישט פאר "בני מלכים" זיך צו קריגן צווישן זיך, אזוי ווי די פסוק זאגט דאך אונז שוין טאקע אין פרשת ראה (גלייך פאר די ווערטער: "בְּדָ" בָּחַר יהו-ה), אז: "בָּנִים אַתֶּם לַיהו-ה אֱלֹקֵיכֶם" – אז וויבאלד ענק זענען קינדער פון דעם אייבערשטן, ממילא: "לֹא תִתְגֹּדְדוּ" – ממילא זאלט איר זיך נישט שטעכן איינער דעם צווייטן מיט שטעך ווערטער וכדומה.

פארוואס..?! ענטפערט אונז שוין רש"י הק' גלייך אויפן פלאץ די תירוץ, און רש"י הק' זאגט אונז, אז די סיבה פון דעם איז: "לפי שאתם בניו של מקום" – וויבאלד ענק זענען קינדער פון דעם אייבערשטן, און: "ואתם ראויין להיות נאים" – און עס פאסט אז ענק זאלן אויס זעהן שיין און איידל, און אז אייערע וועגן זאלן זיין שיין און איידל.

און מיר דארפן טאקע אלע גוט געדענקען, אז דוקא היינטיגע צייטן וואס מיר געפונען זיך: "בעקבתא דמשיחא", ערווארט דער אייבערשטער פון אונז אביסעל'ע: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל", און אביסעל'ע געפיל פאר א צווייטע יוד וואס מוטשעט זיך, ווייל א יוד איז דאך צו געגליכ'ן צו א: "מרגליות שנפלה בין החול" – צו א דיימאנט שטיין וואס געפונט זיך צווישן שמוציגע אומות העולם, און מיר ווייסן דאך אלע, אז א דיימאנט שטיין וואס געפונט זיך אין א לאנד וואס איז אָן געפילט מיט דיימאנטן, האט נישט אזא גרויסע חשיבות, ווייל מען מאכט דאך דארט א יעדן טאג אזעלכע סחורה, און ממילא פארלירט דאס אטאמאטיש איר חשיבות.

אבער א דיימאנט שטיין וואס געפונט זיך אין א פאר ווארפענ'ע לאנד פון ביליגע מענטשן וואס האבן נישט קיין פרוטה צום לעבן, האט גאר גאר א גרויסע חשיבות, און איר ווערד האלט זיך נאר און איין הייבן און הייבן, ווייל א דיימאנט שטיין אין אזא פראסטע לאנד.. איז דאך פשוט א "יקר המציאות", און ממילא האלט איר ווערד און איין שטייגן.

און ממילא די זעלבע זאך איז מיט א יודיש קינד, ווייל א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג וויסן, אז דוקא ווייל איך דריי זיך ארום אין אזא שמוציגן דור מיט אזעלכע שמוציגע אומות העולם, האט מיין עבודה גאר א גרויסע חשיבות אויבן אין הימל, ווייל א: "מרגליות שנפלה בדורינו" און א: "מרגליות שנפלה בדורות הקודמים" איז בכלל נישט די זעלבע.

ווייל ווען א יודיש קינד קלעבט זיך צו צום אייבערשטן היינטיגע צייטן – אין אזא שווער'ן דור.. וואס מיר געפונען זיך דא ממש: "בין החול" – צווישן שמוציגע ערד, האבן זיינע מעשים דעמאלט'ס אסאך אסאך א גרעסער'ע חשיבות ווי די מעשים פון א יוד וואס איז געווען אין די פריער'דיגע דורות.

ווייל.. ווי אזוי זאגט די וועלט..?! "מען מאכט שוין נישט קיין ערליכע יודן היינטיגע צייטן", און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז אוודאי איז דא היינטיגע צייטן ערליכע יודן, נאר עס מאכט זיך נישט אזוי גרינג, ווייל כדי צו זיין א ערליכע יוד היינטיגע צייטן דארף מען דאך פשוט הארעווען און הארעווען און הארעווען, ווייל מיר זענען דאך שוין ליידער מער נישט ארום געגומען מיט אזעלכע ריזיג'ע: "שַׂרְפֵי מַעְלָה" ווי אמאל, און ממילא ווען דעם איז אונזער עבודה אסאך אסאך שווערער היינטיגע צייטן, אבער.. די "חשיבות" פון דעם איז דאך אבער אויך אסאך אסאך גרעסער ווי אמאל.

און עס ווערט דאך שוין טאקע געברענגט אין איינער פון די ספרים הק', אז דער הייליגער אר"י הק' האט מגלה געווען פאר זיין תלמיד ר' חיים וויטאל זי"ע, וזלה"ק, אז: "שבדור היתום הזה" – אז אין דעם פאר יתומ'טע דור, איז: "אף דבר קטן שישראל עושה בכוונה לשם שמים חשוב אצל השם יתברך" – איז אויך חשוב א קלייניקייט וואס א יוד טוט פארן אייבערשטנ'ס וועגן: "לְשֵׁם שָׁמַיִם", און נישט נאר דעם, נאר עס

איז נאך: "הרבה יותר ממה שהיו עושין גדולות בדורות הראשונים" – נאר עס איז נאך אסאך אסאך חשוב'ער ווי די גרויסע עבודות וואס די יודן האבן באוויזן צו טוהן אין די אמאליגע דורות.

ווייל טאקע וויבאלד מיר וואקסן אויף אין אזא וויסט'ן דור, איז א יעדע מצוה אסאך אסאך חשוב'ער ווי אמאל, און דאס האט דער הייליגער אר"י הק' געזאגט אויף זיין דור מיט הונדערט'ער יארן צוריק, נו.. על אחת כמה וכמה אין אונזער היינטיג'ן דור וואו מיר שטייען יעצט.. איז דאך זיכער גאר גאר טייער א יעדע קלייניקייט וואס א יוד טוט פארן אייבערשטנ'ס וועגן.

און מען קען דאס אפשר מסביר זיין מיט א משל, ווייל עס איז געווען אמאל א קעניג וואס האט גע'קעניג'ט אויף גאר א גרויסע מדינה, און אלעס האט איהם געדינט, און אלעס האט ער געפירט, און ער האט געהאט א ווארט אויף א יעדע זאך אין זיין לאנד, אבער איין טאג איז ער אוועק געפארן אויף גאר גאר א ווייטע פלאץ, ממש.. אויף די אנדערע זייט פון די וועלט.

און ווען ער קומט אָן אהין, האט ער שוין גלייך געזעהן, אז קיינער ווייסט נישט צו זאגן פון איהם, און קיינער קען איהם אפילו נישט דארטן, אבער איין טאג, איז דער קעניג אריין געקומען צו עפעס א מענטש אינדערהיים, און ער זעהט, נישט מער און נישט ווייניגער.. אז עס הענגט אויפן וואנט א בילד פון איהם, האט ער זיך געגעבן א רוף אָן צו דעם בעל הבית פון דעם הויז, און ער האט איהם געגעבן א פרעג, זאג נאר, וואס טוט דא מיין בילד אויף דער וואנט..?!

האט איהם דער בעל הבית גע'ענטפערט, אז.. וואס הייסט..?! דו ביזט דאך דער מעכטיגער קעניג, און דו ביזט דאך איינער פון די גרעסטע קעניג'ן אויף דער וועלט..?! האט איהם דער קעניג געפרעגט, אלע מענטשן אין דעם שטאט ווייסן פון מיר..?! האט איהם דער בעל הבית גע'ענטפערט, ניין, קיינער ווייסט נישט צו זאגן פון דיר, אבער איך לייען געוויסע צייטונגען, און איך בין אָן געקומען צו דעם אז דו ביזט איינער פון די גרעסטע קעניג'ן אויף דער וועלט, און ממילא האב איך אויף געהאנגען דיין בילד אויף מיין וואנט.

יעצט לאמיר זיך אלע אליין פרעגן א שאלה, וואס וועט דער קעניג געבן פאר דער מענטש וואס האט אויף געהאנגען זיין בילד אויף זיין וואנט..?! אלעס אויף דער וועלט, ער וועט איהם געבן גאלד און זילבער פאר דעם.

איי.. וועט איינער פרעגן, הער קעניג, דו האסט דאך ביי דיר אין לאנד אזוי פיל בילדער פון דיר, ווייל אויף אלע מטבעות פון דיין לאנד איז דאך דא דיין בילד, און אויף אלע זיגל'עך פון דעם לאנד איז דאך דא דיין בילד, און עס איז דאך דא מליונ'ע בילדער פון דיר אין דיין לאנד, און ממילא פארוואס געבסטו פאר דעם מענטש דא אזא גרויסע שכר..?! אבער די תירוץ אויף דעם איז דאך זייער פשוט, ווייל דו ווייסט ווי ווייט דער מענטש וואוינט פון מיר..?! ער וואוינט דאך אויף דער אנדערע זייט פון די וועלט..?! ווייט ווייט ווייט אוועק, און דארטן.. איז א בילד פון מיר ווערד אזוי פיל געלט.

און די נמשל פון דעם איז, אז אין אונזער ווייטן דור וואו מיר געפונען זיך, איז א יעדע קליינע בילד פון דעם אייבערשטן – אפילו א זאך וואס זעהט נאר אויס ווי א פונק פון עבודת השם, גאר גאר חשוב אין טייער ביי דעם קעניג – ביי דעם: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", און אפילו א קליינע פונק וואס זעהט נאר אויס ווי עבודת השם, מאכט שוין א געוואלדיגע רעש אויבן אין הימל, און דאס שאקל'ט אויף אלע הימלען, ווייל ווען איינער געפונט זיך גאר נידריג, און ער טוט עפעס א קלייניקייט פארן אייבערשטנ'ס וועגן, דעמאלט'ס מאכט דאס א געוואלדיגע גרויסע רעש אויבן הימל וואס מיר קענען בכלל נישט משיג זיין.

און דאס איז טאקע פשט אין די ווערטער וואס חז"ל האבן אונז געזאגט, אז: "במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד", ווייל ווען דער בעל תשובה טוט א געוויסע עבודה, דעמאלט'ס

איז ער דאך דאס מעלה פון גאר גאר א נידריג'ן פלאץ, ווייל ער קומט דאך פון אזא נידריגע שפל המצב, און טאקע וועגן דעם גייט דאס ארויף אזוי הויעך, און עס מאכט אזא געוואלדיגע גרויסע רעש אויבן אין הימל.

און טאקע וויבאלד מיר קענען אין דעם היינטיג'ן דור אָן קומען מיט איין "קנעפל" אין דעם "שאול תחתית" אריין ממש, ממילא וועגן דעם קענען מיר טאקע אויך אָן קומען מיט איין קליינע "כח ההתגברות" צו דעם העכסט'ן מדריגה, ווייל די אמאליגע דורות האבן דאך נישט געהאט די היינטיגע נסיונות, און ממילא וועגן דעם האבן זיי נישט געקענט דערגרייכן וואו מיר קענען היינטיגע צייטן דערגרייכן מיט איין קליינע "כח ההתגברות", ווייל מיר האלטן דאך שוין אלע אט אט אט פאר דעם גרויסן: "גְּאוּלָּה שְׁלֵמָה" וואס וועט דאך שוין טאקע בקרוב אָן קומען: "בְּבִיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וּבְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ":

וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם יַחְדָּו וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יהו-ה נַעֲשֶׂה וַיָּשֶׁב מֹשֶׁה אֶת דִּבְרֵי הָעָם אֶל יהו-ה: לכאורה איז שווער א מורא'דיגע קשיא, אז פארוואס האט משה רבינו געדארפט צוריק גיין צום אייבערשטן און איהם דערציילן וואס די יודישע קינדער האבן געזאגט..?! דער אייבערשטער ווייסט דאך שוין אלעס, און ממילא וואס האט אויס געפעלט אז משה רבינו זאל דארפן צוריק גיין צום אייבערשטן און איהם דערציילן וואס די יודישע קינדער האבן גע'ענטפערט..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל משה רבינו האט געוואלט וויזן פאר די יודישע קינדער מיט זיין גיין אז ער האט זיי גאר שטארק ליב, און ממילא וועגן דעם איז ער נאך אמאל צוריק געגאנגען צום אייבערשטן ספעציעל לכבוד זיי, און משה רבינו האט זיי געוואלט וויזן מיט דעם, אז איך פריי זיך מיט צוזאמען מיט ענקער שמחה, און איך דאנק אייך פארן ענטפער'ן אזא שיינע תשובה, ווייל אזוי קען איך צוריק גיין צום אייבערשטן, און באלויבן כלל ישראל ווי וואויל זיי זענען.

און דאס איז דאך געווען די בעסטע זאך פאר משה רבינו, אזוי ווי מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע, אז משה רבינו איז דאך געווען דער געטרייע פאסטעך, און נאר ווייל ער האט נאך געלאפן די שעפעל'ע וואס איז אנטלאפן אין דעם מדבר אריין, האט ער זוכה געווען צו זיין דער: "רועה נאמן" – דער געטרייע פאסטעך פאר גאנץ כלל ישראל.

און ממילא האט משה רבינו פשוט געדאנקט כלל ישראל אויף דעם וואס זיי האבן איהם דער פריידט מיט זייער ענטפער, און ער האט זיי גאר שטארק געדאנקט אויף דעם, ווייל יעצט וועט ער דאך קענען צוריק גיין צום אייבערשטן, און ענטפער'ן אזא שיינע ענטפער, און באלויבן די יודישע קינדער ווי גוט און וואויל זיי זענען, און וויבאלד דאס איז געווען די גרעסטע הנאה פאר משה רבינו, ממילא האט ער פשוט געדאנקט די יודישע קינדער אויף דעם וואס זיי האבן גע'ענטפערט אזא אמונה'דיגע תשובה אז: "כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יהו-ה נַעֲשֶׂה".

און דאס איז דאך טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם" וגו', ווייל די ווערטער: "**יהו-ה נַעֲשֶׂה וַיָּשֶׁב מֹשֶׁה אֶת דִּבְרֵי הָעָם**" – איז דאך ראשי תיבות: "מוֹדֶה אֲנִי", ווייל משה רבינו האט זיך טאקע באמת געפריידט צוריק צו גיין צום אייבערשטן כדי צו דערציילן אזא שיינעם ענטפער, און ער האט געדאנקט די יודישע קינדער פארן ענטפער'ן אזא הייליגע אמונה'דיגע תשובה, און ער האט אויך געדאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט זוכה געווען צו הערן אזא הייליגע תשובה פון די יודישע קינדער וואס זענען: "בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב", און עס איהם פשוט געווען א שמחה צו הערן ווי אזא: "עֵדָה קְדוֹשָׁה" שרייט אויס אז: "כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יהו-ה נַעֲשֶׂה":

וְהָיוּ נְכֹנִים לַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי כִּי בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי יֵרֵד יהו-ה לְעֵינֵי כָל הָעָם עַל הַר סִינָי: עס שטייט קלאר אין דער הייליגער תורה הק' אז מען דארף זיך צו גרייטן צו: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", ווייל די "הכנה" צו די מצוה איז דאך

אסאך אסאך גרעסער ווי די מצוה אליין, ווייל ווען א מענטש האלט ביים טוהן א מצוה, איז דאך דאס א: "אתערותא דלעילא", אבער די "עבודה" פון דעם מענטש איז דאך נאר, די "הכנה" צו די מצוה – די וועג "ווי אזוי" ער גייט צו צו די הייליגע: "מִצְוַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא", ווייל דאס איז דאך זיין חלק אין די מצוה, אבער די מצוה אליין.. איז ער דאך שוין סיי ווי סיי מחויב צו טוהן.

און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: כִּי מִי בַשַּׁחַק "יַעֲרֹךְ" לַיהו-ה, ווייל די עיקר איז דאך, די "הכנה" צו די מצוה, און דאס איז דאך נישט קיין ענינים, ווייל דאס איז דאך א פסוק אין די תורה וואס שטייט בפירוש ארויס געשריבן אז: וְהָיוּ "נְכֹנִים" לַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי – אז מען זאל זיין אָן גע'גרייט אויף דעם דריטן טאג, ווייל די גאנצע געדאנק פון מתן תורה איז דאך נאר געווען, די "הכנה" צו די מצוה, ווייל דער אייבערשטער האט דאך נאר געוואלט זעהן "ווי אזוי" די יודישע קינדער וועלן צו גיין צו דעם הייליגן מעמד פון: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", וועלן זיי דאס טוהן מיט א שמחה..?! אדער נישט.

און די גאנצע בריאה ווארט דאך שוין אויף דעם גרויסן טאג צענדליגע יארן, און אלע שטייען דאך שוין און ווארטן מיט אזא ציטער צו זעהן וואס די יודישע קינדער וועלן זאגן, און ממילא ווען די יודישע קינדער האבן שוין געדארפט ענטפער'ן: "נעשה ונשמע", דעמאלט'ס האט די גאנצע בריאה געווארט צו זעהן "ווי אזוי" די יודישע קינדער וועלן צו גיין צו אזא הייליגן מעמד ווי "מתן תורה", און "ווי אזוי" זיי וועלן צו גיין צו אזא הייליגן מעמד וואס אונז ווארטן שוין אלע אויף דעם אזוי פיל יארן.

און ווען די גאנצע בריאה האט געזעהן אז די יודישע קינדער האבן זיך צו גע'גרייט מיט א "שמחה" צו מתן תורה, דעמאלט'ס האבן אלע וועלטן אָן געהויבן מיט צו טאנצן מיט די יודישע קינדער, אזוי ווי מיר זינגען דאך טאקע אלע שבועות דעם ניגון: עֶלְיוֹנִים "שָׂשׂוּ" וְתַחְתּוֹנִים "עָלְזוּ" בְּקַבָּלַת תּוֹרָה הַכְּתוּבָה מִסִּינַי, ווייל.. יא, די גאנצע בריאה האט דעמאלט'ס געזעהן אז עס גייט נישט זיין דא עפעס א פשוט'ע: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה" [וואס מיר האבן שוין געווארט אויף דעם יארן לאנג], נאר עס גייט דא זיין א: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשִׂמְחָה" – עס גייט דא זיין א פריילעכ'ע: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", און ממילא וועגן דעם האבן זיי זיך אלע מיט געפריידט מיט די יודישע קינדער, ווייל די הכנה צו די מצוה איז געווען מיט א אמת'ע: "שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה".

און דער ענין ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין דעם הייליגן זוהר הק', אז: "כַּד יַתְבִין יִשְׂרָאֵל" – אז ווען יודישע קינדער זיצן צוזאמען, און: וְעוֹסְקִין "בְּשִׂמְחַת" הַתּוֹרָה – און זיי זענען עוסק אין דעם ענין אז מען דארף זיך פרייען מיט דער הייליגער תורה הק', דעמאלט'ס: "קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אוֹמֵר לְפַמַּלְיָא דִילֵיהּ" – דעמאלט'ס זאגט דער הייליגער באשעפער פאר די גאנצע פמליא של מעלה, אז: "חֲזוּ בָּנַי חֲבִיבַי" – אז געבט'ס א קוק אויף מיינע טייערע ליבע קינדער וואס זענען עוסק אין דעם ענין אז מען דארף זיך פרייען מיט דער הייליגער תורה הק'.

און דאס איז דאך טאקע אויך מרומז אין די ווערטער: "הֱיוּ נְכוֹנִים לִשְׁלוֹשֶׁת יָמִים" וגו', ווייל די סופי תיבות פון די ווערטער: "הֱיו**ּ** נְכוֹנִי**ם** לִשְׁלוֹשֶׁ**ת** יָמִי**ם**" – איז דאך גימטריא: "תּוֹף", וואס די ענין פון: "תּוֹף" ווייזט דאך אויף: "שִׂמְחָה" כידוע, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע ביי קריעת ים סוף, אז: וַתִּקַּח מִרְיָם הַנְּבִיאָה אֲחוֹת אַהֲרֹן אֶת "הַתֹּף" בְּיָדָהּ וגו', ווייל א: "תּוֹף" ווייזט דאך אויף: "שִׂמְחָה".

און אמאליגע צייטן איז דאס געווען איינער פון די הויפט כלים וואס מען האט גענוצט משמח צו זיין מענטשן, אזוי ווי עס איז טאקע דא היינט אזא אינטרעסאנט'ע לשון: "בְּתוּפִּים" וּבִמְחוֹלוֹת, און דער ענין דא איז געווען זייער פשוט, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט זעהן דא, ווי אזוי די יודישע קינדער וועלן זיך צו גרייטן צו: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", צו וועלן זיי זינגען: "שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה כִּי הִיא לָנוּ עוֹז וְאוֹרָה"..?! אדער נישט, און צו וועלן זיי פארשטיין וואס דאס מיינט: "קַבָּלַת הַתּוֹרָה"..?! אדער נישט.

און צו וועלן זיי פארשטיין אז דאס איז א ענין פון: "עַבְדְּךָ אֲנִי הֲבִינֵנִי וְאֵדְעָה עֵדֹתֶיךָ" – אז מען דארף פארשטיין דעם טאג פון מתן תורה..?! און צו וועלן זיי פארשטיין אז די גאנצע בריאה ווארט שוין פון ששת ימי בראשית אויף זייערע ווערטער: "נעשה ונשמע"..?! אדער נישט, און ממילא דאס איז געווען דער ענין דא, א הייליגע: "הֲכָנָה לְמִצְוָה":

וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר: רש"י הק' זאגט, אז פון די ווערטער: "בְּתַחְתִּית" הָהָר זעהט מען, אז: "כפה עליהם הר כגיגית" – אז דער הייליגער באשעפער האט אויף געהויבן דעם בארג סיני העכער די קעפ פון די יודישע קינדער, און ער האט זיי געזאגט, אז: "אם תקבלו את התורה מוטב" – אז אויב זענט איר מקבל דער הייליגער תורה הק', דעמאלט'ס איז גוט, אבער: "ואם לאו" – אבער אויב נישט, איז: "שם תהא קבורתכם" – דעמאלט'ס וועלן ענק בלייבן דא באגראבן.

אבער גלייך נאך מתן תורה זעהט מען, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו די ווערטער: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם" – אז די וועג פון לערנען תורה מיט די יודישע קינדער איז נישט "בכפייה" – געצוואונגענערהייט, נאר די וועג פון לערנען תורה מיט די יודישע קינדער איז: "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם", דאס מיינט צו זאגן, מיט א "נעימות" – מיט א זיס'קייט.

ווייל עס ליגט א תפקיד אויפן צדיק פון דעם דור אריין צו ברענגען אין די יודישע קינדער א זיס'קייט אין תורה ועבודת השם יתברך, ווייל דער צדיק איז דאך א בחינה פון משה רבינו, (אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע אין חז"ל אויף די ווערטער: "משה שפיר קאמרת").

און ממילא קומט אויס פון דעם א מורא'דיגע זאך, אז די גאנצע מעמד פון: "כפה עליהם הר כגיגית" איז נאר געווען א "הוראת שעה", ווייל דאס האט דאך געמוזט געשעהן דעמאלט'ס, ווייל מען האט דאך געמוזט דעמאלט'ס אוועק שטעלן די יסוד פון כלל ישראל, און מען האט דאך גדארפט דעמאלט'ס אויס שפרייטן א אמת'ע: "יִרְאַת שָׁמַיִם" אויף די יודישע קינדער, כדי אז עס זאל טאקע זיין: "בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ", און ממילא האט דער אייבערשטער (כביכול) "געמוזט" טוהן די פעולה פון "כפייה", ווייל נאר דאס וועט קענען אוועק שטעלן כלל ישראל אויף אייביג, און נאר דורך דעם וועלן די יודישע קינדער קענען קונה זיין די: "יִרְאַת שָׁמַיִם" בשלימות.

אבער שפעטער.. געפונען מיר עטליכע מאל אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז דאס איז נישט די דרך פון א מנהיג ישראל, נאר די דרך פון א מנהיג ישראל איז, אריין צו לייגן אין די יודישע קינדער א געשמאק אין א דאווענען, און א געשמאק אין א מצוה, און א טעם אין א שבת קודש, כדי אז עס זאל זיך גלוסט'ן צו טוהן מצוות ומעשים טובים, און: "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם" – "כשולחן ערוך ומוכן לאכול לפני האדם":

זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ: עס שטייט אין חז"ל, אז: "כל השומר שבת כהלכתו מוחלין לו על כל עוונותיו", און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ביי דעם הייליגן פיוט פון: "כָּל מְקַדֵּשׁ" וכו' א יעדן פרייטיג צו נאכט'ס, אז: "כָּל מְקַדֵּשׁ שְׁבִיעִי כָּרָאוּי לוֹ" – אז אויב איינער הייליג'ט דעם הייליגן שבת קודש אזוי ווי עס פאסט, באקומט ער דעמאלט'ס דעם טיטול: "שׁוֹמֵר שַׁבָּת".

און איינמאל ער טראגט שוין דעם טיטול "שומר שבת", דעמאלט'ס זאל ער וויסן, אז: "כָּל שׁוֹמֵר שַׁבָּת כַּדָּת" – אז א יעדער וואס היט אפ דעם הייליגן שבת קודש ווי עס דארף צו זיין, דעמאלט'ס: "מֵחַלְּלוֹ", וואס די ווארט: "מֵחַלְּלוֹ" – איז דאך די זעלבע אותיות ווי: "מָחוּל לוֹ", ווייל אויב א יודיש קינד היט אפ דעם הייליגן שבת קודש ווי עס דארף צו זיין, דעמאלט'ס איז מען איהם מוחל אויף אלע זיינע עבירות.

און ער איז דעמאלט'ס אויך זוכה צו שפירן א מורא'דיגן טעם אין דעם הייליגן שבת קודש, ווייל שבת קודש איז דאך בעצם נאר א שטיקל פון עולם הבא, אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע א יעדן שבת קודש ביי די זמירות פון: "מה ידידות" וכו', אז: "מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא יוֹם שַׁבָּת מְנוּחָה" – אז "שבת קודש"

איז דאך נאר א קליין חלק פון: "עוֹלָם הַבָּא", און ווען א יוד היט אפ דעם שבת קודש כהלכתו, דעמאלט'ס קען ער זוכה זיין צו שפירן א טעם גן עדן אין דעם שבת קודש.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די הייליגע ווערטער פון די הייליגע: "עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת", ווייל עס שטייט דאך אין די: "עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת" די ווערטער: "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ", און די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**זָ**כוֹר **אֶ**ת **יוֹם** **הַ**שַּׁבָּת **לְ**קַדְּשׁוֹ" – איז דאך גימטריא: "גַן", ווייל.. יא, א מענטש וואס היט דעם שבת קודש כהלכתו, קען זוכה זיין צו שפירן א טעם: "גן עדן" אין דעם הייליגן שבת קודש.

און עס שטייט טאקע אויך אין די ספרים הק', אז ווען א יוד היט אפ דעם הייליגן שבת קודש כהלכתו, דעמאלט'ס באקומט ער א ברכה פון דעם אייבערשטן אליין אז ער וועט האבן פרנסה בריוח אינמיטן די וואך, און דאס איז דאך בעצם א בפירוש'ע פסוק, אז אויב: "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ" – אז אויב דו וועסט אפ היטן דעם הייליגן שבת קודש ווי עס דארף צו זיין, דעמאלט'ס וועט זיין: "שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד" – דעמאלט'ס וועסטו קענען האבן גרויס הצלחה אינמיטן די וואך ביי די ארבעט, און: "וְעָשִׂיתָ כָּל מְלַאכְתֶּךָ" – און דו וועסט טאקע קענען ענדיגן דיין גאנצע ארבעט, אפילו דו האסט נישט גע'ארבעט שבת.

ווייל פארקערט, שבת איז דאך א משפיע אויף א גאנצע וואך, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע אין דעם הייליגן זוהר הקדוש וואס מיר זאגן פרייטיג צו נאכט'ס, אז ר' שמעון בר יוחאי האט געזאגט, אז: "כָּל בִּרְכָאָן דִּלְעֵלָּא וְתַתָּא בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה תַּלְיָן" – אז אלע ברכות פון די גאנצע וואך זענען אָן געהאנגען אין דעם טאג פון "שבת קודש".

און קיינער זאל נישט מיינען אז וויבאלד ער ארבעט נישט שבת, וועט ער ח"ו שאדן האבן פרנסה, ווייל אויב דער הייליגער תורה הק' זאגט צו אז: "וְעָשִׂיתָ כָּל מְלַאכְתֶּךָ", דעמאלט'ס וועט בעזרת השם יתברך זיין: "וְעָשִׂיתָ כָּל מְלַאכְתֶּךָ" בִּמְלֹא מוּבַן הַמִּלָּה, ווייל ווער קען זיך דען קריגן מיט די הייליגע: "עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת"..?! און ממילא דאס איז דעם גרויסן כח פון דעם הייליגן "שבת קודש", אז עס איז משפיע אויף דעם מענטש ברוחניות ובגשמיות, סיי "מחילת עוונות", און סיי "פרנסה בריוח":

וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַיהו-ה אֱלֹקֶיךָ לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה וגו': עס שטייט אין דער הייליגער תורה הק' ביי די מעשה פון די: "מְקֹשֵׁשׁ עֵצִים", אז דער אייבערשטער האט געהייסן פאר משה רבינו, אז מען זאל נעמען דעם מענטש וואס האט מחלל שבת געווען, און מען זאל איהם פאר שטיינער'ן, ווייל די עונש פון א מחלל שבת איז דאך: "מִיתָה".

קען מען אפשר זאגן, אז דאס איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַיהו-ה" וגו', ווייל די ווערטער: "וְיוֹ**ם** הַשְּׁבִיעִ**י** שַׁבָּ**ת** לַיהו-**ה**" – איז דאך סופי תיבות: "מִיתָה", ווייל.. יא, די סוף פון איינער וואס איז עובר אויף דעם: "וְיוֹ**ם** הַשְּׁבִיעִ**י** שַׁבָּ**ת** לַיהו-**ה**" איז: "מִיתָה", און וועגן דעם טאקע זאגט אונז טאקע דער הייליגער תורה הק' ווייטער, אז: "לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה" – אז טוה נישט קיין שום ארבעט שבת קודש, און דו ווייסט פארוואס..?! ווייל: "וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַיהו-ה אֱלֹקֶיךָ לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה", און די ווערטער: "**וְ**יוֹם **הַ**שְּׁבִיעִי **שַׁ**בָּת **לַ**יהו-ה **אֱ**לֹקֶיךָ **לֹא** **תַ**עֲשֶׂה **כָ**ל **מְ**לָאכָה" – איז דאך ראשי תיבות: "מֶלֶךְ שָׁוֶה לְאֹת" – ווייל דער מלך מלכי המלכים האט דאך דאס געמאכט פאר א צייכן צווישן אונז מיט איהם.

און ממילא טראכט נישט ביי דיר אז דאס איז א שטראף ח"ו, ווייל ניין ר' יוד, דער הייליגער שבת קודש איז נישט ח"ו קיין שטראף אויף אונז, נאר פונקט פארקערט, דער הייליגער שבת קודש איז דאך א: "חוֹתָם הַמֶּלֶךְ", און דער הייליגער שבת קודש איז דאך: "בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", און דער הייליגער שבת קודש איז דאך די בעסטע מתנה וואס עס איז נאר דא אויף דער וועלט, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין די גמרא, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די יודישע קינדער, אז: "מתנה טובה יש לי

בבית גנזי ושבת שמה" – אז איך האב גאר א גוטע מתנה צווישן מיינע אוצרות וואס הייסט דער הייליגער "שבת קודש", און: "ואני מבקש ליתנה לישראל" – און איך וויל דאס געבן פאר די יודישע קינדער.

און מיר ווייסן דאך שוין אלע אויך, אז דער הייליגער שבת קודש ווערט דאך אָן גערופן: "שַׁבָּת הַמַּלְכָּה", ווייל.. יא, שבת איז א קעניג'ן פון די מלוכה פון דעם אייבערשטן כביכול, ווייל דער אייבערשטער האט דאך "מקדש" געווען דעם שבת קודש בשעת בריאת העולם, און ממילא וועגן דעם איז דער שבת טאקע געבליבן מיט דעם נאמען: "שַׁבָּת הַמַּלְכָּה", ווייל זי איז פשוט געווארן די קעניג'ן פון דעם מלכות פון דעם אייבערשטן.

און דאס איז דאך טאקע אויך מרומז אין די ווערטער פון דעם פסוק: "וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַיהו-ה" וגו', ווייל די ווערטער: "וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַיהו-ה אֱלֹקֶיךָ לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה" – איז דאך ראשי תיבות: "לְאֵשֶׁת מְלוּכָה", ווייל.. יא, דאס איז דאך אונזער הייליגער שבת קודש, א: "שַׁבָּת הַמַּלְכָּה".

און ממילא וועגן דעם דארפן מיר טאקע שפירן גאר א גרויסע זכי' אז מיר קענען טאקע היטן דעם הייליגן שבת קודש, און מיר דארפן זיך פרייען מיט דעם, ווייל דאס קומט דאך גלייך פון דעם אייבערשטן אליין, און דאס איז דאך געגעבן געווארן פאר איין איינציגע סיבה, און דאס איז, ווייל עס איז א: "אוֹת הִיא לְעוֹלְמֵי עַד בֵּינוֹ וּבֵינַי" – ווייל עס איז א צייכן פאר די יודישע קינדער אז מיר האבן מקבל געווען דער הייליגער תורה הק' וואס האלט אונטער די גאנצע: "מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית", אזוי ווי "שבת קודש", וואס איז די "יסוד" אויף: "מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית", און א "עדות" אויף: "מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית".

און דאס בלייבט א צייכן צווישן יודישע קינדער און דעם אייבערשטן: "לְעוֹלְמֵי עַד וּלְנֵצַח נְצָחִים", כדי צו ווייזן פאר די אומות העולם, אז מיר זענען דעם: "עַם הַנִּבְחַר", און מיר האבן מקבל געווען דער הייליגער תורה הק' אויף דעם בארג סיני, און מיר זענען באפוילן געווארן מיט די מצוה פון "שמירת שבת", און דאס בלייבט די טייער'סטע זאך ביי אונז.

אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע צוזאמען א יעדע פרייטיג צו נאכט'ס ביים דאווענען, אז: "לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם" – אז דער שבת איז א בונד צווישן אונז מיט דעם אייבערשטן לדורי דורות, ווייל: "כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה יהו-ה אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ" – ווייל וויבאלד דער אייבערשטער האט געטוהן זיין מלאכה (כביכול) אין זעקס טעג, און אין די זיבעט'ע טאג האט ער גערועט, ממילא וועגן דעם רוען מיר אויך אין דעם זיבט'ן טאג שבת קודש, כדי צו ווייזן, אז מיר האבן גאר א שטארקע קשר מיט דעם הייליגן באשעפער, און אז מיר זענען ממש איינס, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע אין דעם הייליגן זוהר הק', אז: "קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד הוא":

כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה יהו-ה אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֶת הַיָּם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר בָּם וַיָּנַח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי עַל כֵּן בֵּרַךְ יהו-ה אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת וַיְקַדְּשֵׁהוּ: לכאורה.. דארף מען דאך אביסל פארשטיין דעם גאנצן ענין דא, ווייל וואס פאר א שייכות האט די ערשטע חלק פון דעם פסוק מיט דעם לעצט'ן חלק פון דעם פסוק..?! ווייל: "כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה יהו-ה אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ" וגו'.. וועגן דעם: "בֵּרַךְ יהו-ה אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת וַיְקַדְּשֵׁהוּ" – האט דער אייבערשטער געבענטש'ט דעם הייליגן שבת קודש און איר געהייליג'ט..?! מה ענין שמיטה אצל הר סיני..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז אזוי, אז מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז דער אייבערשטער האט דאך באשאפן די וועלט וועגן צוויי סיבות: 1) בְּרֵאשִׁית בִּשְׁבִיל "הַתּוֹרָה", 2) בְּרֵאשִׁית בִּשְׁבִיל "יִשְׂרָאֵל", און עס קומט דאך אויס פון דעם, אז די גאנצע ארבעט פון די גאנצע: "מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית" האט געהאט איין איינציג'ן ציל, און די ציל איז געווען: "בִּשְׁבִיל הַתּוֹרָה וּבִשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל", און.. יא, דאס איז געווען די גאנצע "ציל" און די גאנצע "מטרה" פון די גאנצע: "מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית".

און מיר ווייסן דאך שוין אלע אויך, אז די גאנצע ששת ימי המעשה איז דאך נאר באשאפן געווארן פאר דעם הייליגן "שבת קודש", כדי אז נאך דעם זאל קענען זיין "שבת קודש", אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע מבואר אין די ספרים הק', אז די וועלט איז געווען מלא חיסרון אָן דעם הייליגן "שבת קודש", אבער איין מאל עס איז אָן געקומען דעם הייליגן "שבת קודש", דעמאלט'ס איז געווארן א בחינה פון: "שַׁבָּת שָׁלוֹם", ווייל דער הייליגער שבת קודש האט משלים געווען די וועלט – דער הייליגער שבת קודש האט געברענגט "שלימות" אויף די וועלט, און דער הייליגער שבת קודש האט צו גע'ענדיגט די וועלט מיט איר ריכטיג'ן "שלימות".

און וועגן דעם טאקע ווערט דער הייליגער שבת קודש בא'טיטול'ט מיט טיטול: שַׁבָּת "שָׁלוֹם" וּמְבוֹרָךְ, ווייל.. יא, דער הייליגער: "אֲדוֹן הַשָּׁלוֹם" האט געמאכט אז דער הייליגער "שבת קודש" זאל משלים זיין די "שלימות" פון די וועלט, און דער הייליגער: "מֶלֶךְ שֶׁהַשָּׁלוֹם שֶׁלּוֹ" האט געמאכט אז דער הייליגער שבת קודש זאל זיין די גורם אז די וועלט זאל קענען באקומען איר ריכטיג'ן "שלימות".

און ממילא קומט דאך אויס פון דעם, אז די גאנצע: "בְּרֵאשִׁית בִּשְׁבִיל הַתּוֹרָה וּבִשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל" איז דאך אויך נכלל אין דעם הייליגן "שבת קודש", ווייל די גאנצע: "מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית" ליגט דאך אין דעם הייליגן "שבת קודש".

יעצט לאמיר צוזאמען מאכן א חשבון, די חלק פון: "בְּרֵאשִׁית בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל", איז דאך שוין איינס מיטן שבת, ווייל דער הייליגער שבת קודש איז דאך א: "מתנה טובה שניתנה לישראל", און עס איז דאך דא א מצוה: "לענג את השבת" – עס איז דאך דא א מצוה מענג צו זיין דעם הייליגן שבת קודש דורך דעם וואס מען איז מהנה די: "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", און מיר דארפן טאקע אלע זעהן מקיים צו זיין דעם: "כֻּלָּם יִשְׂבְּעוּ וְיִתְעַנְּגוּ מִטּוּבֶךָ", ווייל דאס איז דאך די עצם מצוה פון שבת קודש, אז: "לְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים" – אז מען זאל זיך מתענג זיין שבת קודש, און ממילא קומט דאך שוין ארויס פון דעם הייליגן שבת קודש דעם חלק פון: "בְּרֵאשִׁית בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל", ווייל דער הייליגער שבת קודש איז דאך בלויז געגעבן געווארן "פאר די יודישע קינדער", און חוץ פון דעם, זענען זיי זיך דאך אויך: "מִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים" אין דעם הייליגן שבת קודש.

אבער וואס טוט זיך מיט דעם "חלק התורה"..?! ווי קומט ער ארויס פון דעם שבת..?! און ממילא וועגן דעם: "עַל כֵּן בֵּרַךְ יהו-ה אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת וַיְקַדְּשֵׁהוּ" – און ממילא וועגן דעם האט דער אייבערשטער (כביכול) געבענטש'ט דעם הייליגן שבת קודש, און ער האט איהם געהייליג'ט מיט א הייליג'קייט, ווייל ער האט געבענטש'ט דעם הייליגן שבת קודש מיט די ברכה אז די יודישע קינדער זאלן קענען האבן דורך דעם גאר א גרויסע שפע, און דורך דעם וואס די יודישע קינדער וועלן האבן א גרויסע שפע, וועלן זיי דאך שוין קענען זיצן און לערנען רואיגערהייט אָן קיין שום דאגות הפרנסה, און ממילא וועט דאך שוין אויך אריין פאלן אין דעם הייליגן שבת קודש דעם חלק פון: בראשית בשביל "התורה", ווייל דורך דעם וואס די יודישע קינדער וועלן האבן גאר א גרויסע שפע, וועלן זיי דאך שפעטער קענען זיצן און לערנען אסאך אסאך מער תורה.

און: "וַיְקַדְּשֵׁהוּ" – און דער הייליגער באשעפער האט געהייליג'ט דעם הייליגן שבת קודש מיט א ברכה אז מען זאל קענען משיג זיין שבת קודש גאר גרויסע השגות אין "תורה", ווייל די ווארט: "וַיְקַדְּשֵׁהוּ" האט אריין געשיינט אזא קדושה אין דעם הייליגן שבת קודש.. אז ווער עס לערנט נאר דער הייליגער תורה הק' שבת קודש, קען משיג זיין דעמאלט'ס גאר גרויסע השגות אין תורה וואס מען קען נישט סתם אזוי משיג זיין אינמיטן די וואך, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין די ספרים הק', אז שבת קודש איז א צייט וואס מען קען דעמאלט'ס משיג זיין גאר גרויסע "השגות" אין תורה, און שבת קודש איז א צייט וואס מען קען דעמאלט'ס משיג זיין אזעלכע זאכן וואס מען קען בכלל נישט משיג זיין אינמיטן די וואך, און נישט נאר דעם, נאר ווי נענטער די טאג פון די וואך איז צום הייליגן שבת קודש, אלץ א גרעסער'ע השגה

אין תורה קען מען דעמאלט'ס דערגרייכן, און ממילא לויט דעם וואס מיר האבן יעצט מסביר געווען, וועט דאך שוין יא ארויס קומען אין דעם הייליגן שבת קודש דעם חלק פון: בראשית בשביל "התורה":

כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר יהו-ה אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ: רש"י הק' זאגט, אז: "אם תכבד יאריכון" – אז אויב וועסטו מכבד זיין דיין טאטע און מאמע, וועסטו דעמאלט'ס האבן "אריכות ימים", אבער: "ואם לאו" – אבער אויב נישט, איז: "יקצרון" – וועט דעמאלט'ס ח"ו זיין פארקערט, איי פארוואס..?! זאגט אויף דעם רש"י הק', ווייל: "שדברי תורה נוטריקון הם", און: "נדרשין מכלל הן לאו ומכלל לאו הן", ווייל די גאנצע תורה גייט דאך אויף דעם וועג, אז ווען עס שטייט א מצות "לא תעשה", פארשטיי איך דאך שוין אליין פון דעם, אז אויב מען וועט דאס "יא" טוהן, דעמאלט'ס וועט זיין ח"ו פארקערט, און ווען עס שטייט א מצות "עשה", דעמאלט'ס פארשטיי איך דאך שוין אליין פון דעם, אז אויב מען וועט דאס "נישט" טוהן, דעמאלט'ס וועט זיין ח"ו פארקערט.

און רש"י הק' פירט אויס מיט די ווערטער: "שדברי תורה נוטריקון הם", און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז אין דער הייליגער תורה הק' ליגט באהאלטן גאר גאר טיפע סודות התורה, "על דרך דרש", ווייל דאס מיינט דאך די ווערטער: "שדברי תורה נוטריקון הם", אבער.. מען דארף געדענקען, אז דאס איז תורה מסיני.

ווייל עס שטייט דאך אין תנא דבי אליהו, אז די תורה קומט: "ללמדינו בא" – אז די תורה קומט אונז צו לאזן הערן עפעס, און די הייליגע תנא דבי אליהו שרייבט דאך אויך, אז א יעדער איינער האט רעכט מחדש צו זיין א חידוש אין דער הייליגער תורה הק', און נישט נאר דעם, נאר די חידוש וואס ער האט מחדש געווען, איז "תורה מסיני ממש".

ווייל עס שטייט דאך קלאר אין חז"ל, אז: "כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש כאילו ניתנה מסיני" – אז א יעדע זאך וואס איינער וועט מחדש זיין אין די תורה אין די שפעטער'ע דורות, איז דאס: "כאילו ניתנה מסיני" – איז אזוי דאס איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני.

און ממילא קומט אויס פון דעם, אז די תורה קומט אונז דא לאזן הערן, אז מען זאל קלאר וויסן פון פריער, אז.. יא, עס ליגט גאר גרויסע סודות אין די פסוקים, ווייל א יעדע ווארט פון די תורה איז דאך: "אֵשׁ דָּת" – א פלאם פייער פון אלע זעקס זייטן, און ממילא וועגן דעם זאגט אונז רש"י הק', אז מיר זאלן וויסן, אז: "שדברי תורה נוטריקון הם" – אז די ווערטער פון דער הייליגער תורה הק' זענען אָן געפילט מיט סודות נסתרות.

איי.. וועט איינער פרעגן, אז ווער זאגט אז: "דברי תורה נוטריקון הם"..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז וואס הייסט ווער זאגט..?! גיי לערנען.. וועסטו שוין זעהן וויפיל סודות עס ליגט באהאלטן אין די פסוקים, און ממילא וועסטו שוין נישט פרעגן קיין קשיות אז ווער זאגט אז: "דברי תורה נוטריקון הם".

און דער ענין איז דאך טאקע אויך מרומז אין די ווערטער פון רש"י הק', ווייל רש"י הק' זאגט אונז דאך דא די ווערטער: "שדברי תורה נוטריקון הם", און די ווערטער: "**ש**דברי **ת**ורה **נ**וטריקון **ה**ם" –איז דאך ראשי תיבות: "תְּשַׁנֶּה" – גיי לערנען, דאס מיינט צו זאגן, אז גיי לערנען, וועסטו שוין דעמאלט'ס אליין זעהן וואס דאס מיינט: "דברי תורה נוטריקון הם".

ווייל מיר גלייבן דאך אלע אין דאס וואס אונזערע הייליגע חכמים האבן דאך אונז געלערנט, אז דער הייליגער תורה הק' ווערט גע'דרשנ'ט אויף פיר סארטן וועגן: 1) פשט, 2) רמז, 3) דרוש, 4) סוד, און דאס אז זיי זאגן אז דער הייליגער תורה הק' ווערט גע'דרשנ'ט אויף די פיר סארטן וועגן.. איז אויך תורה מסיני.

ווייל עס שטייט דאך אין דער הייליגער תורה הק', אז: "לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל" – אז דו זאלסט זיך נישט אוועק רירן פון דאס וואס דיינע חכמים וועלן דיר זאגן צו טוהן רעכט'ס אדער לינק'ס, נאר: "וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר יוֹרוּךָ" – נאר דו זאלסט טוהן אלעס וואס זיי וועלן דיר הייסן טוהן, און דאס איז א חיוב אויף א יעדע יוד אויס צו הערן דברי חז"ל, און ממילא זעהט מען פון דעם ווי ווייט עס גייט די ענין פון: "דברי תורה נוטריקון הם", ווייל אויב אונזערע חכמים האבן אונז אזוי געזאגט, דעמאלט'ס מוזן מיר דאס מקבל זיין, ווייל אויב נישט, זענען מיר דאך ח"ו עובר אויף דעם איסור תורה פון: "לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל", און בכלל.. מיר זענען דאך אלע מחיוב צו גלייבן "בתורת משה רבינו עליו השלום עד הסוף", ווייל: "מֹשֶׁה אֱמֶת וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת":

וַיֹּאמְרוּ אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אַתָּה עִמָּנוּ וְנִשְׁמָעָה וְאַל יְדַבֵּר עִמָּנוּ אֱלֹקִים פֶּן נָמוּת: די יודישע קינדער האבן דא געזאגט פאר משה רבינו, אז "דו" זאלסט רעדן צו אונז, און נישט דער "אייבערשטער", ווייל אויב דער אייבערשטער וועט רעדן צו אונז, דעמאלט'ס קענען מיר דאך נאך שטארבן ח"ו, און עס איז דאך שוין באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז עס שטייט דאך שוין אין חז"ל, אז ווען די יודישע קינדער האבן געהערט דעם ערשט'ן דיבור פון: "אָנֹכִי יהו-ה אֱלֹקֶיךָ" פון דעם הייליגן באשעפער, זענען זיי דעמאלט'ס אוועק געפליגן "צוועלעף טויזנט מיל" פון גרויס פחד.

און ממילא וועגן דעם פארשטייען מיר דאך שוין זייער גוט פארוואס די יודישע קינדער האבן דא געזאגט פאר משה רבינו אז: "דַּבֵּר אַתָּה עִמָּנוּ וְנִשְׁמָעָה" – און ממילא וועגן דעם פארשטייען מיר דאך שוין זייער גוט פארוואס די יודישע קינדער האבן דא געזאגט פאר משה רבינו אז עס איז בעסער אז דו זאלסט רעדן צו אונז, און נישט דער אייבערשטער, ווייל זיי ווילן דאך נישט שטארבן, און די יודישע קינדער האבן זיך דאך אזוי געווארפן פאר שרעק בשעת ווען זיי האבן דאס געזאגט פאר משה רבינו, אבער ווען משה רבינו האט דאס געזעהן, האט זיי דעמאלט'ס משה רבינו געזאגט, אז: "אַל תִּירָאוּ" – אז האט'ס נישט מורא, ווייל דאס הייסט דאך נאך נישט קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם", ווייל דאס אז מען פליעט אוועק פון דעם ערשט'ן דיבור פון דעם אייבערשטן.. הייסט דאך נאך נישט קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם".

ווייל דאס איז דאך זייער א נארמאל'ע זאך, ווייל אפילו "יתרו" איז דאך אויך דערשראקן געווארן ווען ער האט געהערט די מעשה פון "קריעת ים סוף", און ער איז טאקע דעמאלט'ס גלייך געקומען צו לויפן צו די מדבר כדי צו קענען הערן דעם: "דְּבַר יהו-ה" פון משה רבינו, און ממילא האט'ס נישט מורא, ווייל דאס וואס ענק ווארפן זיך אזוי פאר שרעק פון דעם: "דְּבַר יהו-ה" הייסט דאך נאך נישט קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם", נאר: "וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם" – נאר דו ווייסט וואס הייסט יא: "יִרְאַת שָׁמַיִם"..?! "יִרְאַת שָׁמַיִם" הייסט, אז: "לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ" – אז ענק זאלן מורא האבן צו טוהן א עבירה, ווייל סתם ציטער'ן פון א געטליכ'ן קול פון דעם הייליגן באשעפער הייסט דאך נאך נישט קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם" וגו', ווייל משה רבינו האט דאך דא געזאגט פאר די יודישע קינדער די ווערטער: "אַל תִּירָאוּ כִּי לְבַעֲבוּר נַסּוֹת אֶתְכֶם בָּא הָאֱלֹקִים וגו', און ער האט זיי געוואלט זאגן מיט דעם, אז.. האט'ס נישט מורא, און ווארפט'ס ענק נישט אזוי שטארק פאר שרעק, ווייל דאס הייסט דאך נאך נישט קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם", און די ווערטער: "**אַל** תִּירָאוּ כִּי לְבַעֲבוּר נַסּוֹת" – איז דאך סופי תיבות: "לְיִתְרוֹ", ווייל משה רבינו האט דא געמיינט צו זאגן מיט דעם פאר די יודישע קינדער, אז אזא פשוט'ע מורא.. פאסט דאך שוין אויך פאר "יתרו", און דאס הייסט דאך נאך בכלל נישט קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם".

נאר וואס הייסט יא: "יִרְאַת שָׁמַיִם"..?! "יִרְאַת שָׁמַיִם" הייסט, אז: "בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם" – אז די: "יראת יהו-ה" זאל זיין אויס געשפרייט אויף אייערע פנימ'ער אז: "לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ" – אז איר זאלט מורא האבן צו טוהן א עבירה, און דאס איז די אמת'ע: "יִרְאַת שָׁמַיִם" וואס דוד המלך זאגט אויף דעם אין זיין הייליגן ספר תהלים אז: "יִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד":

וְלֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל מִזְבְּחִי וגו': די תורה זאגט, אז ווען א יוד וויל נתעלה ווערן, און ער וויל נענטער ווערן צום אייבערשטן, דעמאלט'ס זאל ער נישט ארויף גיין אסאך מדריגות אויף איין מאל, ווייל אויב ער וועט פארלאנגען פון זיך צו פיל, דעמאלט'ס וועט ער דאס נישט קענען אויס פירן, און ער וועט סוף כל סוף אויף געבן אויף אלעס, אפילו אויף זיינע גוטע קבלות וואס ער האט שוין יא מצליח געווען מקיים צו זיין.

און ממילא זאגט דער אייבערשטער פאר א מענטש, אז דו ביזט סיי ווי אָן געגומען ביי מיר, ווייל א יעדע קליינע עבודה וואס דו טוס'ט פאר מיר, איז חשוב און טייער ביי מיר, און א יעדע קבלה טובה וואס דו ביזט מקבל אויף זיך, איז חשוב און טייער ביי מיר, און ממילא דו ביזט דאך שוין סיי ווי מיינע, און ממילא דארפסטו נישט טאנצן קיין מדריגות, ווייל עס פעלט דאך נישט אויס, דו ביזט דאך שוין סיי ווי חשוב ביי מיר דורך א יעדע פעולה קטנה וואס דו טוס'ט פאר מיר.

און בכלל.. שטייט דאך אין חז"ל, אז: "אֶחָד הַמַּרְבֶּה" – אז סיי א מענטש וואס טוט אסאך, און: "וְאֶחָד הַמַּמְעִיט" – און סיי א מענטש וואס טוט ווייניג.. זענען מרוצה ביי מיר, אבער: "וּבִלְבַד שֶׁיְּתַכֵּוֵן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם" – אבער ער זאל דאס נאר מיינען: "לְשֵׁם שָׁמַיִם", ווייל דאס איז די עיקר ביי דעם אייבערשטן, און אויב די הארץ איז דא, דעמאלט'ס איז שוין אלעס גוט, ווייל דאס איז וואס דער אייבערשטער בעט פון דיר, אז: "תְּנָה בְנִי לִבְּךָ לִי" – אז געב מיר נאר דיין ריינע כוונה וואס דו האסט אינזין אין דיין הארץ.

און אפילו א מענטש טוט אמאל גאר א קליינע גאר א קליינע פעולה לטובה, זאגט איהם אבער שוין דער אייבערשטער, אז דו ביזט פון מיינע מענטשן, ווייל: "רחמנא ליבא בעי" – ווייל דער אייבערשטער דארף נאר די הארץ פון א יוד, דאס מיינט צו זאגן, אז דער אייבערשטער וויל זעהן די גוטע "כוונה" פון דעם מענטש, און זיין שטארקע "רצון" צו די זאך.

און דאס איז טאקע מרומז אין דעם פסוק פון: "וְלֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל מִזְבְּחִי" וגו', ווייל די ווערטער: "וְלֹ**א** תַעֲלֶ**ה** בְמַעֲלֹ**ת** עַ**ל** מִזְבְּחִ**י**" – איז דאך סופי תיבות: "אַתָּה לִי" – דו ביזט צו מיר, ווייל דער אייבערשטער זאגט פארן מענטש, אז דו ביזט דאך שוין סיי ווי גאר גאר טייער ביי מיר מיט דיין קליינע פעולה לטובה וואס דו האסט געטוהן פאר מיר, און דו ביזט דאך שוין סיי ווי גאר גאר טייער מיט דיין קליינע עבודה'לע וואס דו האסט געטוהן פאר מיר, און ממילא פארוואס: "תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל מִזְבְּחִי" – פארוואס זאלסטו שפרונגען מדריגות פאר גארנישט..?! דו ביזט דאך שוין סיי ווי: "אַתָּה לִי" – פון מיינע מענטשן, ווייל איך דארף דאך נאר איין זאך פון א מענטש, איך דארף די הארץ פון א מענטש, צוזאמען מיט זיין גוטע כוונה וואס האט ער בשעת'ן טוהן דעם קליינעם פעולה לטובה, ווייל די יסוד איז, אז: "רחמנא ליבא בעי", און: "ובלבד שֶׁיְּתַכֵּוֵן ליבו לשמים".

זְכִירַת מַעֲמַד הַר סִינַי: איינער פון די שש זכירות איז דאך: "זְכִירַת מַעֲמַד הַר סִינַי", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת ואתחנן (קפיטל ד' פסוק ט' י'): "רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ" – אז דו זאלסט ח"ו קיינמאל נישט פארגעסן וואס דיינע אויגן האבן געזעהן, און: "וּפֶן יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" – און דאס זאל זיך ח"ו נישט אפ קערן פון דיין הארץ, נאר: "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" – נאר דו זאלסט דאס ווייטער איבער געבן פאר דיינע קינדער און אייניקל'עך, און דו זאלסט זיי דערציילן פון דעם: "יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי יהו-ה אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב".

און אזוי אויך ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין דעם הייליגן רמב"ן, אז אין די מצוה פון: "זְכִירַת מַעֲמַד הַר סִינַי" ליגט דאך אויך נאך א חלק, און דאס איז, אז עס איז דא א חיוב צו געדענקען די "פייער" וואס איז געווען בשעת'ן: "מַעֲמַד הַר סִינַי", און עס איז דא א חיוב צו געדענקען די "רויעך" וואס עס איז געווען בשעת'ן: "מַעֲמַד הַר סִינַי", און די: "הָהָר עָשֵׁן" וואס עס איז געווען בשעת'ן: "מַעֲמַד הַר סִינַי", און די: "קוֹל הַשֹּׁפָר" וואס עס איז געווען בשעת'ן: "מַעֲמַד הַר סִינַי", וואס איז אבער פשט פון דעם..?!

פארוואס טאקע דארפן מיר טאקע געדענקען די "פייער" און די "רויעך" און די: "הָהָר עָשֵׁן" און די: "קוֹל הַשֹּׁפָר" וואס עס איז געווען בשעת'ן: "מַעֲמַד הַר סִינַי"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז.. יא, דוקא דאס דארפן מיר אלע זעהן צו געדענקען, ווייל מיר דארפן אלע געדענקען די "פחד" וואס עס איז געווען דעמאלט'ס אין א יעדע יודיש הארץ, ווייל דאס איז דאך געווען די גאנצע "מטרה" פון די גאנצע מעמד פון מתן תורה, אז וואס..?! אז: "בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ" – אז א יודיש קינד זאל מורא האבן צו טוהן א עבירה, און עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פרשת ואתחנן (קפיטל ד' פסוק י') ביי די פרשה פון: "זְכִירַת מַעֲמַד הַר סִינַי", אז משה רבינו האט דעמאלט'ס געזאגט פאר די יודישע קינדער, אז דו ווייסט וואס איז געווען די ציל פון דעם גאנצן: "יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי יהו-ה אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב" וגו' – דו ווייסט וואס איז געווען די ציל פון דעם גאנצן: "מַעֲמַד הַר סִינַי"..?! די ציל פון: "מַעֲמַד הַר סִינַי" איז געווען, אז: "בֶּאֱמֹר יהו-ה אֵלַי" – אז דער אייבערשטער האט מיר געזאגט איין שיינעם טאג, אז: "הַקְהֶל לִי אֶת הָעָם" – אז איך זאל צוזאם נעמען גאנץ כלל ישראל, און: "וְאַשְׁמִעֵם אֶת דְּבָרָי" – און איך זאל זיי לאזן הערן די רייד פון דעם אייבערשטן, כדי אז: אֲשֶׁר יִלְמְדוּן "לְיִרְאָה" אֹתִי כָּל הַיָּמִים אֲשֶׁר הֵם חַיִּים עַל הָאֲדָמָה – כדי אז זיי זאלן זיך אויס לערנען צו האבן: "יִרְאַת שָׁמַיִם" און מורא האבן פון דעם אייבערשטן, און דאס איז געווען די "ציל" פון דעם גאנצן: "מַעֲמַד הַר סִינַי", אז א יודיש קינד זאל האבן: "יִרְאַת שָׁמַיִם".

און מען זעהט דאך שוין טאקע אויך אין די וואכעדיגע פרשה פרשת יתרו (קפיטל כ' פסוק י"ז), אז די "ערשטע" מימרא וואס משה רבינו האט געזאגט פאר די יודישע קינדער נאך דעם גרויסן מעמד פון מתן תורה איז געווען, אז: "אַל תִּירָאוּ" – אז האט'ס נישט מורא פון די אלע קולות וברקים און פחדים, ווייל דאס הייסט נאך נישט קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם", נאר דו ווייסט וואס הייסט: "יִרְאַת שָׁמַיִם"..?! איך וועל דיר זאגן וואס הייסט: "יִרְאַת שָׁמַיִם", "יִרְאַת שָׁמַיִם" הייסט, אז: "בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם" – אז עטץ זאלט'ס האבן: "יִרְאַת שָׁמַיִם" אויף ענקער "פנים", און ענק זאלן אפ היטן ענקער: "צֶלֶם אֱלֹקִים" וואס דער אייבערשטער האט ענק געגעבן, איי.. ווי אזוי..?! די תירוץ אויף דעם איז, דורך דעם וואס: "לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ" – דורך דעם וואס איר וועט נישט טוהן קיין עבירות ווייל איר וועט "מורא" האבן צו טוהן א עבירה, און דאס איז די אמת'ע: "יִרְאַת שָׁמַיִם" וואס דוד המלך זאגט אויף דעם אין זיין ספר תהלים אז: "יִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד".

אבער.. דו דארפס'ט אליין ארבעטן אויף דעם, און דו דארפס'ט אליין "הארעווען" אויף דעם אָן דעם וואס דו זאלסט באקומען הילף פון הימל אויף דעם, ווייל: "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים".

און די ווערטער: "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" מיינט דאך נישט ח"ו צו זאגן אז דאס ליגט אינגאנצן אין די הענט פון א מענטש, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז מען קען דאך נישט צו קומען צו קיין שום זאך אויף דער וועלט אָן קיין "סייעתא דשמיא" – מען קען דאך נישט צו קומען צו קיין שום זאך אויף דער וועלט אָן דעם וואס דער אייבערשטער זאל דיר העלפן מיט דעם, און אלעס אויף דער וועלט איז דאך נאר דער "אייבערשטער" אליין, ער פירט דאך אלעס, און ער מאכט דאך אלעס, און ער מאכט דאך אויך אז דו זאלסט קענען דערגרייכן דיינע אלע הייליגע הצלחות בעניני "רוחניות", און אָן קיין סייעתא דשמיא וואלסטו דאך קיינמאל נישט געקענט מנצח זיין דיין גרויסן יצר הרע, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז: "אלמלא הקדוש ברוך הוא עוזרו" – אז ווען נישט וואס דער אייבערשטער העלפט דעם מענטש קעמפן אנטקעגן זיין יצר הרע, דעמאלט'ס: "לא היה יכול לו" – דעמאלט'ס וואלט דאך דער מענטש קיינמאל נישט געקענט באזיגן זיין יצר הרע.

נאר די ווערטער: "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" מיינט סך הכל צו זאגן, אז די ענין פון "יראה" איז א זאך וואס ליגט מער אין די הענט פון א מענטש, ווייל די ענין פון "יראה" איז דאך א זאך וואס דער

אייבערשטער פארלאנגט: "מֵעִמָּךְ" – פון "דיר", און די ענין פון "יראה" איז דאך א זאך וואס דער אייבערשטער וויל זעהן ביי דעם "דיין" אייגענ'ע הארעוואניע און "דיין" אייגענ'ע עבודה.

און וויבאלד דו לייגס'ט טאקע אריין אין דעם דיין גאנצע הארץ און נשמה, און דיין גאנצע פנימיות, און דו הארעוועס'ט אויף דעם מיט דיין גאנצע כח, ממילא וועגן דעם האט טאקע דער אייבערשטער גאר גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ" פון דעם, ווייל די איינציג'סטע זאך וואס דער אייבערשטער קען נישט (כביכול) האבן איז דאך נאר: "יִרְאַת שָׁמַיִם", ווייל עס איז דאך נישט שייך קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם" ביים אייבערשטן, און וויבאלד דער אייבערשטער קען דאך נישט האבן (כביכול) קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם", ממילא וועגן דעם איז טאקע אביסעל'ע: "יִרְאַת שָׁמַיִם" אזוי באליבט ביים איהם, ווייל: "יִרְאַת שָׁמַיִם" איז דאך א "יקר המציאות" אויבן אין הימל.

און דער הייליגער בית אברהם זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט דאך אונז שוין טאקע אמאל געזאגט, אז עס שטייט דאך שוין אין פסוק אין די וואכעדיגע פרשה פרשת יתרו (קפיטל י"ט פסוק ה'), אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די יודישע קינדער, אז: "וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים", און דער הייליגער רבינו בחיי זאגט דאך אונז שוין טאקע קלאר, אז די ווארט: "סְגֻלָּה" איז טייטש א: "אוֹצָר", און כדי צו קענען זיין די: "אוֹצָר" פון דעם אייבערשטן, דעמאלט'ס קאסט דאס אביסל "בלוט", און עס קאסט אביסעל'ע "ארבעט", און עס קאסט אביסעל'ע "הארעוואניע", און וואס פאר א ארבעט קאסט דאס..?! עס קאסט די ארבעט פון: "וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ" – עס קאסט די ארבעט פון צו זיין א הייליג פאלק פארן הייליגן באשעפער.

און דער הייליגער רבינו בחיי זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך, אז וואס לייגט מען אריין אין א: "אוֹצָר"..?! וועלכע זאך לייגט א מענטש אריין אין א: "אוֹצָר" כדי דאס אפ צו היטן און האלטן טייער..?!

די תירוץ אויף דעם איז, אז א מענטש לייגט געווענטליך אריין אין א: "אוֹצָר" אזא סארט זאך וואס עס איז נישט דא צו באקומען, און א סארט זאך וואס איז נישט דא, א ארימאן לייגט אריין אין זיין: "אוֹצָר" א פָּאר הונדערט דולר, און א געווענטליכ'ע מענטש לייגט אריין אין זיין: "אוֹצָר" א פָּאר טויזנט דולר, און א גביר לייגט דאך שוין אריין אין זיין: "אוֹצָר" א פָּאר הונדערט טויזנט דולר, און א גרעסער'ע גביר לייגט דאך שוין אריין אין זיין: "אוֹצָר" א פָּאר מליון דולר, און גאר א גרויסע גביר לייגט דאך שוין אריין אין זיין: "אוֹצָר" א פָּאר הונדערט מליון דולר, ווייל אין א: "אוֹצָר" לייגט מען אריין אזא סארט זאך וואס עס איז נישט דא צו באקומען, און דאס איז דאך טאקע די גאנצע געדאנק פון א: "אוֹצָר", אפ צו היטן טייערע זאכן וואס עס איז נישט דא צו באקומען.

אבער וואס לייגט א "קעניג" פון א גאנצע לאנד אריין אין זיין: "אוֹצָר"..?! א "קעניג" פון א לאנד האט דאך אלע געלטער אין די וועלט, און ממילא וואס לייגט ער אריין אריין אין זיין: "אוֹצָר"..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז א "קעניג" פון א לאנד לייגט אריין אין זיין: "אוֹצָר" טייערע גאלד און זילבער און גאר טייערע דיימאנט'ן און בריליאנט'ן וואס עס איז כמעט נישט מעגליך צו באקומען אין די גאנצע וועלט.

יעצט דער הייליגער באשעפער האט דאך אלעס אויף דער וועלט, און דער הייליגער באשעפער פארמאגט דאך שוין אלעס אויף דער וועלט, אבער איין זאך האט דער הייליגער באשעפער "נישט", וואס האט דער הייליגער באשעפער "נישט"..?! די תירוץ אויף דעם איז, מיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם" – מיין ביסעל'ע בלוט וואס איך געב אוועק פאר דעם רצון השם יתברך, און מיין ביסעל'ע בלוט וואס איך געב אוועק פאר די הייליגע מצוות פון דער הייליגער תורה הק', און דאס האט דער הייליגער באשעפער "נישט"..! ווייל חז"ל זאגן דאך אונז שוין קלאר, אז: "הכל בידי שמים" – אז דער אייבערשטער פארמאגט אלעס, און אלעס געפונט זיך אין זיינע הענט, אבער חוץ איין זאך, ווייל איין זאך האט דער אייבערשטער "נישט", און דאס איז, מיין ביסעל'ע: "יִרְאַת שָׁמַיִם", און טאקע וועגן דעם איז: "יִרְאַת יהו-ה הִיא אוֹצָרוֹ" – און טאקע וועגן דעם איז די: "אוֹצָר" פון דעם הייליגן באשעפער מיין ביסעל'ע: "יִרְאַת שָׁמַיִם", ווייל דאס האט ער דאך

"נישט", ווייל דער אייבערשטער קען דאך נישט (כביכול) באקומען דעם ענין פון: "יִרְאַת שָׁמַיִם", און וויבאלד דער אייבערשטער קען דאך נישט (כביכול) באקומען דעם ענין פון: "יִרְאַת שָׁמַיִם", ממילא וועגן דעם איז דאס טאקע אזוי חשוב און טייער ביי איהם.

און יא ר' יוד, אויבן אין הימל איז אביסעל'ע: "יִרְאַת שָׁמַיִם" א זאך וואס עס איז נישט דא צו באקומען, און אויבן אין הימל איז אביסעל'ע: "יִרְאַת שָׁמַיִם" גאר א גרויסע "יקר המציאות", ווייל אויבן אין הימל איז דאך נישט שייך קיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם", און ממילא ווען עס קומט ארויף אויבן אין הימל א נשמה וואס פארמאגט: "יִרְאַת שָׁמַיִם", לייגט מען איר דעמאלט'ס שנעל אריין אין די: "אוֹצָר" פון דעם הייליגן באשעפער, ווייל: "יִרְאַת יהו-ה הִיא אוֹצָרוֹ".

און ווי אזוי קען מען טאקע צו קומען צו: "יִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה"..?! זאגט דאך אונז שוין טאקע אויף דעם דוד המלך עליו השלום אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "רֵאשִׁית חָכְמָה" – אז דורך דער הייליגער "תורה" הק' וואס ווערט אָן גערופן: "רֵאשִׁית", און דורך דער הייליגער "תורה" הק' וואס ווערט אָן גערופן: "חָכְמָה", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז: "איזהו זקן" – אז וואס מיינט א "זקן" – וואס מיינט א תלמיד חכם..?! א תלמיד חכם מיינט, אזא איינער: "שקנה חכמה" – אזא איינער וואס האט קונה געווען: "חָכְמָה" – אזא איינער וואס האט קונה געווען דער הייליגער "תורה" הק', און די ווארט: "חָכְמָה" גייט דאך ארויף אויף דער הייליגער "תורה" הק' כידוע, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין משלי (קפיטל ז' פסוק ד'), אז: "אֱמֹר לַחָכְמָה אֲחֹתִי אָתְּ", אבער על כל פנים.. דורך דער הייליגער "תורה" הק' וואס ווערט אָן גערופן: "רֵאשִׁית", און דורך דער הייליגער "תורה" הק' וואס ווערט אָן גערופן: "חָכְמָה", קען א מענטש זוכה זיין צו צו קומען צו: "יִרְאַת יהו-ה":

**תם ולא נשלם! שבח ושירה לא–ל אשר שבת ברא!**

**יצא לאור לזכר נשמת מרן רבינו ישראל אברהם בן אליעזר זוסיא זצוק"ל.**

ולז"נ זקני הרב ר' יצחק בן יונה ז"ל

(לקבלת הגליון שלח למייל: skulennigun@gmail.com).